בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת צַו

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו״ר מוהר״ן מברסלב זי״ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות ״היכל הקודש״ חסידי ברסלב**
שע״י עמותת ״ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל״
בהתייסדות ע״י כ״ק מוהרא״ש זצוק״ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**חיזוק און הדרכה פאר די מיידלעך פון בית פיגא**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויקהל פקודי, י״ח אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד אלע טייערע תלמידות פון בית פיגא תחי׳**

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך אויפפירן מיט גרויס דרך ארץ; איר ווייסט דאך אז ביים רבי׳ן איז געווען דרך ארץ א יסוד היסודות, דער רבי האט געזאגט: ״ווען קיסרין און קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן מיט מיינע מענטשן, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען צו מיר״.

וויסן זאלט איר אז דער עיקר פון א מענטש איז זיינע מידות; אויב מען פירט זיך מיט דרך ארץ ווייזט דאס אז דער מענטש איז א וואוילער מענטש, אבער אויב מען פירט זיך אויף מיט חוצפה, מען שטערט די כיתה, דעמאלט זעט מען גלייך אז דער מענטש איז נישט קיין ערליכער מענטש.

דער רבי האט געזאגט: ״איך קען יעדן העלפן, אפילו א מענטש וואס איז זייער וויט פונעם אייבערשטן, חוץ אן עזות פנים״; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, כ): ״עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם״, פאר אן עזות פנים איז דא איין עצה - לייג אים אין גיהנום. דעריבער בעט איך אייך זייער אלע תלמידות פון בית פיגא, איר זאלט זיך אויפירן צו אייערע טיטשערס מיט דרך ארץ; מיט דעם וועט איר זיך איינקויפן א גוטע נאמען און איר וועט טרעפן יעדער איינער פון אייך א גוטע שידוך ווען עס וועט קומען די צייט.

נאך א זאך וויל איך אייך בעטן: איר זאלט זיך חבר׳ן נאר מיט ערליכע מיידלעך, ווייל אז מען האט גוטע חבר׳טעס איז דאס לעבן א גוט לעבן, אבער אויב חס ושלום מען חבר׳ט זיך מיט נישט גוטע חבר׳טעס וועט דאס אייך שטערן אייער לעבן.

מוהרא״ש זאגט: ״וואס איז די סימן ווי אזוי מען קען וויסן ווער עס איז א גוטער חבר וכו׳? אז מען קוקט וואס יענער רעדט״; אויב מען זעט א מיידל רעדן איידעלע זאכן איז זי א גוטע חבר׳טע, אבער אויב זי רעדט נארישקייטן, זי רעדט זאכן וואס זענען נישט איידל, איז א סימן אז די איז נישט ערליך, אפילו זי זעט אויס פון אינדרויסן וואויל. ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין יז:): ״רַב בָּדִיק בְּלִישְׁנֵיהּ״, מען קען דערקענען אויף א מענטש לויט זיין רעדן ווער ער איז; אויב רעדט מען איידל איז דאס א סימן אז מען אן ערליכער איד, און אז נישט איז מען נישט קיין ערליכער איד. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניבול פה, סימן א): ״ווער עס רעדט ניבול פה איז א סימן אז זיין גאנצע קאפ איז אים פארדארבן רחמנא לצלן״; דעריבער זאלט איר אוועק שטיין פון חבר׳טעס וואס רעדן פון נישט איידעלע זאכן.

יעדע זאך וואס איר דארפט אין לעבן זאלט איר זיך צוגעוואוינען צו בעטן נאר פונעם אייבערשטן, ווייל נאר דער אייבערשטער פירט דער וועלט און נאר ער קען העלפן דעם מענטש ווען מען האט רחמנא לצלן א צרה, עס איז נאריש צו בעטן פון מענטשן הילף, ווען דער מענטש קען זיך אליינס נישט העלפן. דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן אויף אונזער שפראך און מיר זאלן אים אלעס פארציילן, דאס וועט אונז ברענגען נענטער צו אים און אזוי וועלן מיר געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס מיר דארפן.

איך האף אז איר וועט אננעמען מיינע ווערטער וועט איר האבן א גוט לעבן; איך האב געעפענט די סקול מיט גרויס פלאג און מיה, נאר אז מיר זאלן האבן ערליכע תלמידות, מיידלעך וואס לעבן מיט יראת שמים און גייען אנגעטון בצניעות. יעדן צופרי בין איך מתפלל פאר אלע קינדער - סיי פון חדר און סיי פון סקול - אז אלע זאלן זיין ערליכע אידן און אויפשטעלן ערליכע שטובער. איך פארגיס אסאך טרערן אויף יעדן פון אייך באזונדער.

איך האף אז איר וועט אויסהערן וואס אייערע טיטשערס לערנען מיט אייך און איר וועט זיך פירן מיט דרך ארץ, וועט איר מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

### מיידלעך זאלן נישט רעדן וועגן בחורים

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויקהל פקודי, י״ח אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

איך בעט אייך זייער איר זאלט נישט רעדן צו מיידלעך וועגן בחורים; עס איז נישט קיין ערליכע זאך און עס איז נישט קיין קלוגע זאך. איך וועל אייך מיטן אייבערשטנס הילף ברענגען א גוטע בחור פון ישיבה.

רעדטס נישט מיט קיינעם וועגן בחורים, אויב איר וועט רעדן מיט מיידלעך פון בחורים וכו׳ וועט איר מיר וויי טון; איך האב אייך אריין גענומען אין סקול ווייל איך וויל איר זאלט האבן א גוט לעבן. אויב איר וועט פאלגן וואס דער ראש ישיבה זאגט וועט איר האבן א שיינע לעבן, אבער אויב איר וועט זיין קלוגער און איר וועט נישט פאלגן, וועט נישט זיין גוט.
~~~~~~~~~~

פון היינט און ווייטער, אויב א מיידל קומט צו אייך רעדן וועגן בחורים זאגט פאר יענע מיידל שיינערהייט: "איך בעט דיר רעד נישט צו מיר וועגן בחורים, איך וויל פאלגן דעם ראש ישיבה"; נאך אביסל וועט איר מיטן אייבערשטנס הילף א כלה ווערן.

געדענקט וואס איך זאג אייך: "חבר'ט זיך נאר מיט ערליכע מיידלעך, וועט אייך גוט זיין".

...

~~~~~~~~~~

**ווען מ'פאלגט האט מען הצלחה**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויקהל פקודי, י"ח אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי'**

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן אז איר פאלגט נישט וואס מיר האבן גערעדט; איך האב אייך שוין אפאר מאל געשריבן אז איר זאלט נישט רעדן מיט אנדערע מיידלעך וועגן בחורים וכו', און יעצט הער איך צוריק אז איר רעדט מיט מיידלעך וועגן בחורים וכו'.

עס איז א נארישע זאך פון אייך אז איר רעדט צו אנדערע מיידלעך וכו'; איר מאכט זיך א שלעכטע נאמען צווישן די מיידלעך. די מיידלעך פארציילן דאס פאר זייערע עלטערן און נאכדעם מאכט איר זיך צונאר צווישן אלעמען, עס טוט מיר זייער וויי אז איר פאלגט נישט.

איין זאך קען איך אייך זאגן, אויב איר וועט פאלגן וואס דער ראש ישיבה זאגט וועט איר האבן א שיין לעבן; די בחירה ליגט אין אייערע הענט - ווילט איר האבן א שיינע לעבן, קענט איר עס האבן, ווילט איר טון וואס אייער קאפ זאגט, ווילט איר אליינס גיין - זאל אייך דער אייבערשטער העלפן איר זאלט אנקומען גוט...

אז איר וועט מיר פאלגן וועט אייך גוט זיין בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~

**מיט'ן רבינ'ס עצות קען מען ארויסקריכן פון אלע פראבלעמען**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פ' ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ"ב אדר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז אייער קינד איז מצליח אין תלמוד תורה ביים מלמד הרב ... נרו יאיר; ער איז אן אויסגעצייכענטער מלמד, די קינדער ווערן אויפגעבויט מיט זעלבסטזיכערקייט (חסר), אין דעם זכות זאלסט איר זוכה זיין צו זען נחת ביי אלע אייערע קינדער געזונטערהייט.

בנוגע ווארטן וכו'; א מענטש דארף זיין א מכיר את מקומו. אודאי איז קינדער א ברכה, אבער קודם דארף מען זיין געזונט. די תורה הייבט זיך אן: "בְּרֵאשִׁית", דאס ערשטע - "בָּרָא", דארף מען זיין געזונט. אזוי אויך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות תשובה, סימן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֵם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", א מענטש דארף אכטונג געבן קודם אז זיין גוף זאל זיין רואיג און נישט איבערשטרענגען, נאכדעם זאל ער אכטונג געבן אויף זיין נפש; ווייל חס ושלום אויב דער מענטש איז נישט גרייט פאר נאך קינדער וכו' און מען ווערט איבערגעשטרענגט - קען מען אלעס פארלירן רחמנא לצלן. דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "א קליינע לאך אינעם גוף איז א גרויסע לאך אין די נשמה"; ווייל אז מען איז נישט געזונט קען מען גארנישט טון.

איך זאג אייך איר זאלט מאכן א הפסקה וכו'; קודם פאר א יאר און נאך א יאר וועט איר וועט זיין ביי אייערע כוחות, וועט מען דעמאלט זען.

בנוגע וואס איר שרייבט אז איר שפירט אסאך בעסער יעצט ווי פאר א יאר צוריק; איך פריי מיר זייער צו הערן אז איר שטארקט זיך מיט אמונה. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לה): א מענטש וואס לעבט מיט אמונה, איז אזוי ווי איינער וואס שטייט אויף פון א גוטע שלאף אויסגערוהט און רואיג; ווי מער א מענטש חזר'ט זיך איין די אמונה אלץ מער ווערט ער זעלבסטשטענדיג און זעלבסטזיכער, מען האט נישט מורא פון קיינעם און מען האט נישט קיין שום פחדים, ווייל מען ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער, וואס ער איז "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", אלעס איז נאר ער, עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט נאר דער אייבערשטער.

דער פריערדיגער ליובאוויטשער רבי זכותו יגן עלינו פלעגט ענטפערן שאלות פאר טויזענטער מענטשן; זייער אסאך מאל פלעגט ער נישט שרייבן א תירוץ, נאר ער פלעגט

צוריק שיקן די שאלה וואס יענער האט געשיקט אונטער געשטראכן דעם תירוץ פון יענעמס ווערטער אליינס. לגבי וואס זאג איך דאס? איר פרעגט צי איר זאלט גיין נעמען הילף וכו'; איר אליין שרייבט דאך אליינס דער תירוץ אויף אייער קשיא, איר שרייבט אז פאר א יאר צוריק איז געווען אסאך ערגער וכו' און היינט שפירט איר זיך שוין אסאך בעסער וכו', דארפט איר דעמאלט נישט גיין צו קיינעם וכו'.

**א מענטש וואס ליידט אויף גייסטשע פראבלעמען, אויב וועט ער נעמען דעם רבינ'ס עצות בתמימות ופשיטות וועט ער ווערן אויסגעהיילט, נישט סתם אויסגעהיילט נאר ער וועט זיין געזונטער ווי סתם איינער וואס ווייסט נישט פון רבינ'ס לימודים. דאס איז נישט קיין ברכה, דאס איז א מציאות! איך האב דאס שוין בייגעוואוינט צענדליגער מאל. אבער איינער וואס איז אן אויבער חכם, ער איז קלוגער פון רבי'ן, ביי אים איז די גאנצע זאך פון אמונה צו פשוט וכו', אזא איינער וועט נישט אויסגעהיילט ווערן אפילו ער וועט טרעפן דעם גרעסטן טערעפיסט, דאס איז א מציאות וואס מען קען זיך מיט דעם נישט דינגען.**

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דער עיקר אויף וואס א מענטש דארף ארבעטן צו צוקומען - איז צו אמונה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס האבן אינטערעסאנטע מחלות און זיי ליידן נעבעך זייער שטארק, נאר ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה; דאס גייט ארויף אויף יסורי הנפש - גייסטישע פראבלעמען, וואס זייער אסאך מענטשן ליידן זיך נעבעך צאם פון די סארט מחלות. דער רבי זאגט ווייטער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", ווען א מענטש האט נישט קיין אמונה, ער ליידט נעבעך פון די מחלות וואס קומען פון חסרון אמונה, אזא איינעם העלפט נישט קיין רפואות, עס העלפט נישט קיין תפילה און אויך נישט זכות אבות, דאס גייט ארויף אויף די יסורים וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט פון אלע סארט יסורי הנפש; עס פייניגט זיי פון אינעווייניג - יעדער מיט זיינע שלעכטע מחשבות און די איינציגסטער רפואה אויף דעם איז אמונה.

לכאורה איז זייער שווער צו פארשטיין, ווי קען מען זאגן אז עס העלפט נישט קיין תפילה, דער רבי זאגט דאך (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קיא): "עַל-יְדֵי תְּפִלָּה יְכוֹלִין לָבוֹא לַכֹּל, לְכָל טוּב, לְתוֹרָה וַעֲבוֹדָה וּלְכָל הַקְּדֻשּׁוֹת וּלְכָל הָעֲבוֹדוֹת וּלְכָל הַטּוֹבוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת", דורך תפילה קען מען אלעס באקומען; אויך זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תפילה איז משנה די טבע; קומט אויס אז עס

איז נישט שייך צו זאגן על פי דרך הטבע איז נישט דא קיין וועג ארויס, ווייל תפילה איז העכער פון די טבע, נו, ווי אזוי זאגט דער רבי: "שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה"?

נאר דער תירוץ איז זייער פשוט, אין הכי נמי, אויב דער מענטש וועט דאווענען פאר זיין פראבלעם וועט ער זיכער געהאלפן ווערן, נאר דער פראבלעם איז אז דער מענטש וואס האט נישט קיין אמונה גלייבט נישט אז ער וועט געהאלפן ווערן דורך תפילה; ער איז אן אויבער חכם, ער האלט אין איין זאגן: "איך בין שוין דערנאך", "איך בין א קראנקע", "פון מיר וועט שוין גארנישט זיין". דאס זאגט דער רבי: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה", אז מען האט נישט קיין אמונה, "בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת", קומען שרעקליכע קרענק, פחדים, דמיונות, אנגעצויגענקייט, ספיקות און בלבולים, "שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", נישט אז עס העלפט נישט, נאר דער מענטש קען נישט דאווענען ווייל ער גלייבט נישט אין זיך, אז זיינע תפילות וועלן אים אויסהיילן.

שטארקט אייך אין זייט ווייטער מתפלל; איך בין אסאך מתפלל פאר אייך און פאר אייער מאן, נאך אביסל וועט איר זען א גאנצע ישועה.

...

~~~~~~~~~~~

**וועגן דעם בנין אין אומאן, מ'דארף בארגן געלט מיט א חשבון**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פ' ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ"ב אדר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער ...**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך וועל זיין מיט דיר זייער אפען; איך האב געבארגט מאה אלפים ביז צוויי יאר, נאכדעם האב איך א חוב ביז קומענדיגע יאר חנוכה פון פופציג טויזנט. יעצט דארף איך באצאלן אויף ראש חודש ניסן א חוב פון זיבעציג טויזנט דאללער; געלויבט דעם אייבערשטן אז די בחורים האבן אריין געברענגט געלט פורים און איך האב דאס געלט צו באצאלן. דער מלוה זאגט מיר ער איז גרייט צו ווארטן נאך אביסל אבער איך דארף האבן א חשבון ווי אזוי איך גיי דאס באצאלן.

איך האב שוין געבארגט במשך די צען יאר פון ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה קרוב צו א מיליאן דאללער און איך האב ברוך ה' אלעס באצאלט אויפן טאג אדער פארן
~~~~~~~~~~~

זמן הפרעון, אלץ ווייל איך האב געבארגט מיט א חשבון. איך האב אוועק געלייגט אלע אפגעצאלטע שטרות און איך וועל דיר עס ווייזן. אבער סתם צו בארגן אין דער וועלט אריין - קען איך נישט; אויב דו האסט איינער וואס איז מיר גרייט צו בארגן אויף א שפעטערע זמן, בין איך גרייט צו בארגן ביז א האלב מיליאן דאללער צו קענען ענדיגן דעם בנין פאר דעם יאר. גלייב מיר, ווי שטארק דו ווילסט דעם נייעם בנין וויל איך דאס אסאך מער; איך ווייס נישט צי דו האסט אפילו געזען וואו איך שטיי איין, אויב מיר וועלן נאך נישט האבן אונזער בנין גרייט אויף דעם יאר, וועל איך דיר ווייזן וואו איך שטיי איין, איך וועל דיר ווייזן דעם בית הכסא וואס מיר ניצן ראש השנה וכו' וכו'.

שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות; מיר וועלן ענדיגן דעם בנין מיט תפילה. מיר וועלן מאכן א שיינעם חנוכת הבית אין אומאן און איך וועל קענען אויסרופן וואס ר' נתן האט אויסגעשריגן ביים חנוכת הבית פארן קלויז אין אומאן: "איך האב געבויט דעם קלויז - נישט מיט קיין געלט פון עשירים, נאר פון די רצונות פון ארימעלייט", וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען צו ברענגען נאך א פרוטה און נאך א פרוטה; יעדער האט געברענגט זיינע לעצטע פרוטות ביז מען האט געענדיגט בויען דעם קלויז אין אומאן, און מוהרא"ש פירט אויס די מעשה: "וזה שייך בכל דור ודור".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**מאכט שלום מיט אייער מאן**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פ' ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ"ב אדר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... תחי'**

(חסר)

איך קען נישט ליידן קיין מחלוקת; מוהרא"ש האט מיר אריין געלייגט אין מיין בלוט איך זאל העלפן מאן און ווייב מאכן שלום און לעבן צוזאמען. איך האב אייך ביידע ליב און איך וויל זען ווי איר לעבט בשלום; איך וועל נישט צולאזן אז דער יצר הרע זאל צעשטערן אייער לעבן.

איך בעט אייך זייער איר זאלט שלום מאכן מיט אייער מאן נרו יאיר און חס ושלום זיך צוריק האלטן פון גיין וכו'. דאס איז זייער א גרויסע עבירה; אויב א פרוי האלט זיך אפ פון וכו' איז דער אייבערשטער זייער ברוגז און מען קען באקומען זייער א הארבע
~~~~~~~~~~

שטראף רחמנא לצלן. די אלע זאכן וואס איר שרייבט מיר וועגן אייער מאן וכו׳ האט גארנישט צו טון מיט קדושה, דאס איז בלויז א כיטערע שפיל פונעם יצר הרע. ער פארגינט נישט אז איר לעבט א שיינע לעבן, ער קען נישט אויסהאלטן ווי שיין איר לעבט מיט אייער מאן. ער האט אייך שוין פראבירט צו צעברעכן מיט אלע מיטלען, אבער גארנישט איז אים נישט געלונגען, האט ער זיך פארשטעלט ווי א פרומער, ער מיינט אז אזוי וועט ער אייך קענען צעטיילן פון אייער מאן, אבער דאס וועט אים נישט גיין.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן א׳): "הַיֵּצֶר הָרָע מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְווֹת, וּמַטְעֶה אֶת הָאָדָם כְּאִלּוּ מְסִיתוֹ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה"; ווען דער יצר הרע קומט צום מענטש אים אוועק צו נעמען פונעם אייבערשטן שטעלט ער זיך אהער ווי אן ערליכער איד, ער רעדט איין דעם מענטש אויף אן עבירה אז דאס איז א מצוה, עיין שם. דאס האט ער געטון מיט אייך, ער רעדט אייך וכו׳ אן איר זאלט נישט קענען ליידן אייער מאן וכו׳.

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיין פרייליך שבת און איר זאלט פרייליך מאכן אייער מאן, איר זאלט גיין וכו׳. דערמאנט זיך וואס מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן מיט אונז: "זיי קלוג, נישט גערעכט"; דאס איז דער סוד פון הצלחה - נישט זוכן צו זיין גערעכט נאר זוכן ווי מען קען זיין קלוג. שלמה המלך זאגט (משלי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", א קלוגע פרוי בויעט אויף איר הויז, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", און א נארישע פרוי צעברעכט עס מיט אירע אייגענע הענט; בפרט אז איר האט זוכה געווען צו א חשוב'ער מאן. איך רעד מיט אים זייער אסאך; ער וויל זיין גוט, ער וויינט צו מיר איך זאל אים העלפן, וואס זאל ער טון אז ער האט זיינע נסיונות וכו׳. עס איז נישט אז ער וויל נישט זיין גוט; איך זאג אייך אז ער איז א צדיק און עס טוט מיר וויי צו זען ווי איר פאלט א קרבן פארן יצר הרע וואס ער וויל נאר צעברעכן נאך א אידישע שטוב.

איר שרייבט מיר אז איר קענט נישט זיין אין שטוב ווען ער איז דארט וכו׳ ווייל ער איז א שטיק טומאה; איך בעט אייך זייער מרת ..., איך ווייס נאר וואס דער רבי זאגט, דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דארט וואו מען קריגט זיך דארט איז דער שטן; און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות שלום, סימן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אויב איז מען בשלום וועט מען האבן ברכות; פרעג איך אייך: "וועם ווילט איר האבן אין שטוב, דעם שטן אדער ברכות?" דערפאר בעט איך אייך אז איר זאלט מוחל זיין אייער מאן, אים איבער בעטן און פרובירן מיט אלע כוחות צו זיין פרייליך.

ווי קען מען זאגן אויף א צווייטן אז יענער איז טמא, ווען: "**כֻּלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל**", מיר אלע דארפן דאך תשובה טון (עיין ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן לט), און שלמה המלך זאגט (משלי כ, ט): "מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי?" ווער קען זאגן אז ער איז ריין פון עבירות...

אז מיר וועלן דן זיין א צווייטן לכף זכות וועט דער אייבערשטער אונז דן זיין לכף זכות; בפרט ווען עס קומט צו שלום בית, דארט דארף מען אלעס טון עס זאל זיין שלום ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל אויסמעקן זיין נאמען אבי צו מאכן שלום צווישן מאן און ווייב.

איך ווארט צו הערן פון אייך אז איר האט זיך איבערגעבעטן מיט אים.

...

~~~~~~~~~~

**נישט טשעפען דעם מאן מיט זיין פארגאנגענהייט**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויקרא, כ"ד אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון אייך אז איר האט געפאלגט וכו'; גלייבט מיר, איך ווייס וואס איך זאג. איר האט אן ערליכער מאן, ער איז זייער וואויל און גוט; איך זאג אייך נאכאמאל - דאס וואס האט פאסירט מיט אים וכו' דאס איז א טריק פונעם ס"מ, ער האט עס געטון נאר אוועק צו נעמען די ליבשאפט צווישן אייך.

עס וועט אים אבער גארנישט נוצן ווייל מיר הערן דעם קול פונעם הייליגן רבי'ן וואס האט געשריגן מיט זיין גאנצע כח (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עח): "**אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל**", עס איז נישט דא קיין יאוש! דער רבי האט דאס געשריגן פאר איבער צוויי הונדערט יאר צוריק און מען הערט נאך דעם קול ביז היינט. נישט נאר מען הערט דער קול נאר עס ווערט גאר שטערקער און שטערקער, אזוי ווי עס שטייט ביי מתן תורה (שמות יט, יט): "וַיְהִי קוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד", דער קול פונעם שופר איז געווארן העכער און העכער, זאגט דארט רש"י: "מִנְהַג הֶדְיוֹט כָּל זְמַן שֶׁהוּא מַאֲרִיךְ לִתְקֹעַ קוֹלוֹ מַחְלִישׁ וְכֵהֶה, אֲבָל כַּאן הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד", געווענליך ווען איינער בלאזט ווערט דער קול שוואכער און שוואכער, אבער דא איז דער קול געווארן העכער און העכער; אזוי איז אויך ביים רבינ'ס זאך, מען הערט און מען נעמט אן דעם רבינ'ס ווערטער מער און מער.
~~~~~~~~~~

עס איז געווען א גרויסער ערליכע איד, א ברסלב'ער חסיד, ר' ישראל קארדונער זכרונו לברכה. ער פלעגט זאגן: "איינמאל דער רבי האט געשריגן: "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל", קיין יאוש איז נישט פארהאנען; קען דער ס"מ טאנצן פון דער ערד ביזן הימל, עס וועט אים גארנישט העלפן".

דער רבי לערנט אונז אויס אז פון יעדן מצב קען מען טרעפן א וועג ארויס; דער עיקר דארף מען פארגעסן וואס איז געווען. אויב מען וויל בויען א שטוב צוזאמען טאר מען נישט דערמאנען איינער דעם אנדערן אלטע מעשים, ווייל דאס איז א לאו אין די תורה. דער פסוק זאגט (ויקרא כה, יז): "לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ", זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (בבא מציעא נח:): אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה לֹא יֹאמַר לוֹ: "זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים", מען טאר נישט זאגן פאר א בעל תשובה: "געדענקסט ווען דו האסט געפראסן נבילות און טריפות".

א איד איז אמאל געקומען צום רבי'ן וויינען אז דער גלח פון שטאט האט פארכאפט זיין טאכטער, דער רבי האט אים געגעבן א גוטע עצה ווי אזוי ער זאל איר ארויס כאפן פון דארט. נאכדעם וואס זי איז געראטעוועט געווארן פון דארט האט איר דער רבי גלייך א כלה געמאכט מיט א פשוט'ער בחור א שוסטער און דער רבי האט געזאגט פאר דעם חתן בזה הלשון: "איך בעט דיר זייער שטארק דו זאלסט קיינמאל נישט דערמאנען פאר דיין ווייב די מעשה וואס זי האט געהאט מיטן גלח און איך זאג דיר צו אז אויב דו וועסט איר קיינמאל נישט טשעפען מיט די אלטע מעשה וועסטו האבן קינדער צדיקים"; וכך הוה, דער איד האט זוכה געווען צו קינדער צדיקים און גרויסע רבנים.

ובכן, אויב איר וועט נישט טשעפען אייער מאן מיט די מעשה וכו' און איר וועט מתפלל זיין אז איר זאלט פארגעסן וואס איז געווען וכו', וועט איר זוכה זיין צו קינדער גרויסע צדיקים. ווייל וויסן זאלט איר אז יעדע דיבור פון רבי'ן גייט אן לדורי דורות, און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן עב): "עַל יְדֵי רְדִיפַת שָׁלוֹם מַצִּיל אֶת בָּנָיו מִמִּיתָה וּמִגָּלוּת", אז מען לויפט נאך שלום, מען זוכט עס זאל זיין שלום - וועלן די קינדער געראטעוועט ווערן פון טויט און פון גלות; ווען קינדער זעהן ווי די עלטערן לעבן בשלום וועלן זיי קיינמאל נישט איבער לאזן די שטוב און זיי וועלן אויך אויפשטעלן א שיינע שטוב.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דורך אמונה לעבט מען א זיס לעבן; מאכן א נייע התחלה אין לערנען חומש רש"י**

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויקרא, כ"ד אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך מחזק זיין און זיך שטארקן מיט אמונה אינעם אייבערשטן; דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים, וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", ווער עס האט אמונה - דער לעבט א גוט לעבן און ער פארברענגט זיינע טעג און יארן נאר מיט גוטס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", ווייל ווען עס גייט אים אלעס אזוי ווי ער וויל, איז דאך גוט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם־כֵּן טוֹב", און אפילו ווען עס גייט אים נישט גוט, ער ליידט יסורין חס ושלום - איז אים אויך גוט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", ווייל ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן אז דער אייבערשטער וועט רחמנות האבן און אים העלפן. ווייל אז דער אייבערשטער ברענגט מיר די שלעכטס איז דאך זיכער אז דאס איז גוט פאר מיר, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אבער דער וואס האט נישט קיין אמונה, דער מענטש האט נישט קיין לעבן, ווייל ווי נאר עס גייט אים עפעס שלעכטס האט ער נישט קיין שום טרייסט, ער האט זיך נישט מיט וואס צו טרייסטן ווייל ער גלייבט דאך נישט אינעם אייבערשטן רחמנא לצלן, "אֲבָל עַל־יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אבער דער וואס לעבט מיט אמונה האט א שיינע זיסע לעבן.

דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו פלעגט זינגען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אָנָא אֶמְצָאֶךָ, אַוואוּ טַאטֶע זִיסֶער קֶען אִיךְ דִיר גֶעפוּנֶען? וְאָנָא לֹא אֶמְצָאֶךָ, און אַוואוּ טַאטֶע זִיסֶער קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעפוּנֶען? אַז סְ'אִיז גוּט - אִיז דָאךְ דוּ, און אַז חָלִילָה פַּארְקֶערְט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, און אַז סְ'אִיז דוּ - אִיז דָאךְ גוּט, און אַז סְ'אִיז גוּט - אִיז דָאךְ וַוייטֶער דוּ, קוּמְט אוֹיס אַז שְׁטֶענְדִיג אִיז דוּ, דוּ און נָאכְאַמָאל דוּ", כדי אריין צו ברענגען אמונה אין אידישע קינדער, חזר'ן מיט זיי אמונה אין בורא כל עולמים; ווייל דער מענטש וואס לעבט מיט אמונה איז שטענדיג פריילין, ער קוקט אויס ווי איינער וואס האלט נאך א גוטע שלאף, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן לה): **אמונה איז אזוי ווי איינער וואס שלאפט, דער וואס האט אמונה האט אן אויסגערוהטער מח.**

היינט הייבן מיר אן ספר ויקרא; כאפ זיך מיט און הייב אן מעביר סדרה זיין פון זונטאג, ווארט נישט אויף סוף וואך. אז מען לערנט יעדן טאג אביסל חומש רש״י איז מען פארזיכערט אז מען וועט האבן הצלחה.

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ׳אשר בנחל׳ שם גורלינו; מיר האבן א רבי וואס מאכט אונז לערנען און דאווענען און מיר זענען זוכה זיך נישט צו לאזן נארן. שבת האבן מיר געשריגן: ״חזק, חזק, ונתחזק״ מיט אזא שמחה, מיר האבן זיך געפרייט אז מיר האבן יעדן טאג געלערנט חומש פאר צען גאנצע וואכן. ווי וואלטן מיר געווען ווי וואלטן מיר אויסגעזען אן דעם הייליגן רבי׳ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**זע צו איבערפרישן דיינע וואטשערס צו העלפן די מוסדות**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויקרא, כ״ד אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר**

איך הער פון אפיס אז דו דארפסט איבער מאכן דיינע וואוטשערס; בעט איך דיר טייערער ... נרו יאיר, האב רחמנות אויף מיר און העלף מיר איך זאל קענען באצאלן די מלמדים און די טיטשערס. עס קומט יעצט דער יום טוב פסח און מען דארף זיי באצאלן. איך בעט דיר, שטרענג זיך אן און גיי אראפ איבערמאכן די וואוטשערס.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות דעם וואס דו שטרענגסט זיך אן אראפ צו גיין וכו׳ און איבער מאכן די וואוטשערס זאלסטו זוכה זיין צו זען נחת פון דיינע ליכטיגע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**זיי מחזק דיין ווייב**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויקרא, כ״ד אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דיין ווייב האט מיר געשריבן אז זי קען מער נישט וכו׳, זי געבט אויף וכו׳.

דו דארפסט איר מחזק זיין; לויט ווי איך פארשטיי איז זי דערשראקן אז זי האט א פראבלעם, עס באדערט איר מער דאס טראכטן אז אפשר איז זי נישט געזונט מער ווי

עס באדערט איר אז זי איז נערוועז און אז זי פארלירט זיך און זי שרייט אויף די קינדער. א אידישע מאמע וואס האט א שטוב מיט קינדער, ווען זי שרייט אויף די קינדער מיינט דאס נישט אז זי דארף נעמען מעדעצין וכו׳, די נאטור פון עלטערן איז צו שרייען וכו׳ און מען דארף דאס אויסארבעטן. מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט פארלירן, מען זאל נישט שלאגן די קינדער און מען זאל זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

דעריבער דארפסטו איר מחזק זיין; זאג איר אז אלע אידישע מאמעס זענען אזוי ווי איר, אלע שפירן אסאך מאל ווי מען גייט אויפגעבן. רעד איר אויס איר הארץ אז קינדער זענען קינדער; געזונטע קינדער טאנצן און שפרינגען, געזונטע קינדער קריכן און געזונטע קינדער הערן נישט ווען מען רעדט צו זיי.

געב אכטונג אויף דיין ווייב זי זאל זיין געזונט און שטארק; ווען זי פארלירט זיך אויף די קינדער שטיי אויף איר זייט, נישט קריג דיך מיט איר, ווייל דאס וועט איר נאך מער אויפרעגן, זי וועט נאך מער שרייען און שלאגן. אבער אויב זי וועט זען ווי דו ביסט מיט איר, דו נעמסט זיך אן פאר איר ווען די קינדער פאלגן נישט, וועט זי אויפהערן צו שרייען וכו׳ און זי וועט ווערן בארואיגט.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן נט): ״מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם - לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל״, עס איז געזונטער פאר קינדער אז מען איז נישט צוגעקלעבט צו זיי צו שטארק, מען לאזט זיי אליין אויפוואקסן; נאך האט דער רבי געזאגט: ״א קינד קישט מען נישט, און א קינד שלאגט מען נישט״; ווייל ווי מער מען איז צוגעקלעבט צום קינד און מען צערטלט אים, שלאגט מען אים ווען ער איז לעבעדיג און שפרינגעדיג, דעריבער איז בעסער אז מען לאזט זיי ארומטאנצן, וועלן זיי אויסוואקסן געזונט און שטארק.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב, געב איר עס איבער גלייך ווען דו באקומסט דאס.

...

~~~~~~~~~~

**קינדער טאנצן און שפרינגען, א תפלה צו האבן געדולד צו זיי**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויקרא, כ״ד אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.
~~~~~~~~~~

איך בעט אייך זייער איר זאלט נישט ווערן צעבראכן פון דעם וואס איר זעט אז איר האט נישט קיין כח צו אייערע קינדער און יעדע צופרי ווערט אן אנגעצויגענע שטימונג ביי אייך אין שטוב ווען די קינדער פאלגן נישט.

וויסן זאלט איר אז יעדע אידישע מאמע מיט קליינע קינדער שפירט וואס איר שפירט און גייט אריבער וואס איר גייט אריבער וכו׳; יעדע פרוי מיינט אז זי האט מיט די נערוון וכו׳, בפרט ווען מען האט א שטוב מיט קליינע קינדער, דעמאלט קען מען אסאך מאל שפירן אז מען גייט ממש אראפ פון זינען ווען די קינדער פאלגן נישט וכו׳.

זייער אסאך מאל ווערט א מענטש צעבראכן נאכדעם וואס מען געשריגן אויף די קינדער; מען הייבט אן טראכטן אז מען איז נישט געזונט וכו׳, מען הייבט אן טראכטן אז מען קען נישט זיין קיין מאמע וכו׳, אבער דאס איז נישט וואר. ווייל א מענטש איז א מענטש, א מענטש איז נישט קיין מלאך; איר דארפט וויסן אז קינדער זענען קינדער און דער געזונטער נאטור פון קינדער איז צו טאנצן און שפרינגען און נישט פאלגן; געזונטע קינדער הערן נישט ווען מען רעדט צו זיי. אז מען ווייסט דאס פון פאראויס איז דאס גרינגער צו נעמען.

קינדער מיט עלטערן זענען פונקט דאס פארקערטע; עלטערן האבן ליב ווען עס איז שטיל, רואיג און מסודר, קינדער - פון די אנדערע זייט - ווילן נאר שרייען, טאנצן און שפרינגען. באמת איז נישט געפערליך אז קינדער שפרינגען וכו׳; ענדערש זאל דער קויטש כאפן א ריס ווי דער קינד זאל ווערן צעדרוקט, ענדערש זאל דער וואנט כאפן א קראץ ווי איידער דער קינד זאל כאפן קולות א גאנצן טאג.

איינער פון די בחורים וואס פלעגן קומען עסן ביי מיר אויף שבת האט מיר געזאגט, אז ער האט זייער הנאה געהאט צו עסן שבת ביי מיר צוזעהנדיג ווי מען הרג׳עט נישט די קינדער ווען זיי טאנצן אויפן קויטש, ווייל ביי זיי אין שטוב הרג׳עט מען די קינדער אויב מען טאנצט אויפן קויטש; עלטערן קענען נישט נעמען ווען די קינדער לויפן און שפרינגען, מען האט מורא אויב די וואנט וועט כאפן א זעץ וכדומה, מען כאפט זיך נישט אז א קויטש קען מען קויפן א נייע, א וואנט קען מען איבער פארבן, אלעס קען מען פאררעכטן, אבער קינדער אויב מען שרייט אויף זיי טאג און נאכט ווערן זיי פעלערהאפטיג פאר זייער לעבן.

אבער מיר דארפן געדענקען אז מיר האבן א גרויסער באשעפער וואס פירט דער וועלט און מיר האבן א גרויסער רבי וואס האט אונז געגעבן וואונדערליכע עצות אויף יעדן פראבלעם; דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן און מיר זאלן אים בעטן יעדע זאך וואס גייט אריבער אויף אונז. ווען א מענטש

געוואוינט זיך צו אויסצורעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, ער דערציילט פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף אים, אלעס וואס באדערט אים, ווערט דער מענטש צופרידן און רואיג.

דעריבער זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג ער זאל רחמנות האבן אויף אייך איר זאלט האבן שטארקע נערוון צו די קינדער, און איר זאלט זוכה זיין זיי מגדל צו זיין און זען נחת פון זיי.

איך שרייב אייך א קורצע תפילה וואס איר זאלט זאגן יעדן טאג, וועט איר זען אז אלעס וועט זיך איבערדרייען לטובה.

"רבונו של עולם, העלף מיר אז היינט זאל איך נישט שרייען אויף מיינע קינדער. העלף מיר אז מיינע קינדער זאלן מיר פאלגן גלייך ווען איך בעט זיי, מיינע קינדער זאלן הערן ווען איך רעד צו זיי און זיי זאלן זיך נישט שפארן מיט מיר. הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל רעדן שיין צו מיין מאן און צו מיינע קינדער, איך זאל זיי נישט פארשעמען און איך זאל חס ושלום נישט שרייען אויף זיי מיאוס'ע ווערטער.

הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל זיך נישט אויפרעגן ווען מיינע קינדער פאלגן נישט גלייך ווען איך זאג זיי עפעס צו טון, איך זאל געדענקען אז: "קינדער זענען קינדער"; איך זאל זיי ליב האבן און איך זאל נישט ווערן פארלוירן און גערעגט אויב זיי פאלגן נישט.

איך געב זיך אינגאנצן איבער צו דיר הייליגער באשעפער, איך געב דיר איבער אלע מיינע מחשבות, אלע מיינע דיבורים און אלע מיינע מעשים פונעם היינטיגן טאג און פון אלע מיינע טעג. הייליגער באשעפער, העלף מיר אז איך זאל זיין גוט-מוטיג, ווייל ווען איך בין פריילך איז מיין מאן פריילך, און אז איך און מיין מאן זענען פריילך וועלן די קינדער זיין רואיג און צופרידן.

הייליגער באשעפער, העלף מיר און העלף מיין מאן אז מיר זאלן קענען אויפציען א שיינע ערליכע שטוב, און מגדל זיין אונזערע קינדער צו תורה און צו עבודת השם יתברך.

רבונו של עולם, איך דארף גארנישט און איך וויל גארנישט - נאר ערליכע קינדער, איך וויל זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן דער וועלט, קינדער וואס וועלן נאר טון דיין ווילן.

הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל קענען חתונה מאכן מיינע קינדער יונגערהייט און גרינגערהייט; מיינע קינדער זאלן זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס און זיי זאלן האבן נאר ערליכע חברים".

די תפילה זאלט איר זאגן יעדן טאג און אויב איר האט צייט - אפאר מאל א טאג, וועט איר זען גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן מיט אייך.

איך ווארט צו הערן אז עס איז אייך בעסער געווארן.

...

~~~~~~~~~~

**הכרת הטוב פאר'ן האבן א געפיל פאר די מוסדות**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויקרא, כ"ד אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב געהערט פון אפיס אז דו האסט אנגעהויבן דעם פראצעדור פון מאכן וואוטשערס; דאס ווייזט מיר אז דו ביסט מכיר טוב פאר אלעס וואס מיר טוען פאר דיר און פאר דיינע קינדער. באמת ווער עסטו מיר קיינמאל נישט קענען באצאלן אויף דעם וואס איך האב דיר געראטעוועט דיינע קינדער, וויפיל דו ווייסט ווייסטו גארנישט וכו'.

דער מלמד פון דיין זון הרב ... נרו יאיר געבט זיך אפ מיט דיין זון - מען קען זאגן - מער וויפיל מען איז מחויב זיך אפצוגעבן מיט א קינד. אויך די טישטער פון דיין טאכטער מרת ... תחי' קומט זיך אן אויסצייכענונג פארן זיך אפגעבן אזוי געטריי מיט דיין טאכטער.

יעצט אז איך הער אז דו מאכסט וואוטשערס ווייזט דאס מיר אז דו ביסט אונז מכיר טוב, ווייל נישט אלע עלטערן העלפן די מוסד וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער, אמן.

...

~~~~~~~~~~

א קונץ איז צו זיין פריילך; זוכה זיין צו דעם פסח אליינס; דאס וויכטיגקייט פון קומען צום שיעור מאנטיג נאכט; זען אין שטוב אז די ווייב זאל זיך קענען באטייליגן ביים פרויען צוזאמקום.

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויקרא, כ"ה אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער זיי נישט אזוי צעקלאפט ביי דיר; עס איז נישט קיין קונץ צו קרעכצן... און עס איז נישט קיין גרויסע חכמה צו זיין געפאלן ביי זיך... א קונץ איז ארום צו גיין מיט א שמייכל אפילו ווען זאכן גייען נישט אזוי ווי מען וויל, א קונץ איז ארום צו גיין פריילין ווען עס איז גאר שלעכט. אז מען איז פריילין דרייען זיך אלע פראבלעמען איבער און מען הייבט אן מצליח צו זיין אין אלעמען, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות שמחה, חלק ב', סימן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", ווער עס איז שטענדיג פריילין איז מצליח.

מיר שטייען שוין אין די שלשים יום קודם הפסח און מען איז שוין עוסק אין אויסרוימען דעם חמץ וכו', דארף מען אבער געדענקען וואס ר' נתן האט געזאגט פאר איינעם וואס איז זיך געקומען אפרעדן צו אים אז ער האט נישט קיין געלט אויף פסח, ר' נתן האט אים מחזק געווען און געזאגט: **"אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען דעם פסח אליין?"** מען זעט בחוש אז ווען עס קומט אן דער יום טוב פסח האט למעשה יעדער איינער וויין, מצות און כל טוב וטוב; אידן פארטיילן שווערע געלטער פאר צדקה, מען טיילט מצות און אלע סארטן עסן וכו' וכו', האט ר' נתן געזאגט: **"אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען דעם פסח אליין?"** ווי נעמט מען דעם פֶּה-סָח - דאס רעדן צום באשעפער. מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו רעדן צו דיר און געדענקען אז קיינער קען מיר גארנישט טון, העלף מיר איך זאל געדענקען אז אלעס קומט פון דיר. העלף מיר באשעפער אז איך זאל האבן ריינע אויגן, א ריינע מח און א ריינע הארץ, העלף מיר איך זאל קענען אויסרייניגן מיינע אברים זיי זאל נישט זיין חמצ'דיג פונעם יצר הרע".**

איך וויל דיר זען היינט נאכט ביים שיעור; עס קומט מיר בכלל נישט אן גרינג צו געבן דעם שיעור פאר אינגעלייט ביינאכט, אבער איך שטרענג זיך אן צו געבן שיעורים נאר אז דו זאלסט זיך מחדש זיין, דו זאלסט זיך אויפפרישן אין עבודת השם און אין שלום בית.

די וואך מיטוואך נאכט וועט אם ירצה ה' זיין א שיעור פאר די פרויען, זע אז דיין ווייב זאל קענען קומען; עס וועט גארנישט פאסירן אז דו וועסט בלייבן אין שטוב אכטונג געבן אויף די קינדער כדי דיין ווייב זאל קענען אביסל ארויסגיין פון שטוב זיך מחזק זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון בזיונות - דאס איז אונזער זאך.**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויקרא, כ״ו אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער דו זאלסט זיך צוגעוואוינען נישט צו ענטפערן ווען דו כאפסט א בזיון; בזיונות איז טאקע זייער נישט בא׳טעמ׳ט, אבער אז א מענטש ענטפערט נישט אויף א בזיון איז אים דער אייבערשטער מוחל אויף אלע זיינע עבירות.

די זעלבע זאך איז ווען א מענטש האט א חלישות הדעת און ער דערהאלט זיך, קען ער פועל׳ן גרויסע זאכן; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות, אות תשובה, סימן כה): ״חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ שֶׁל הָאָדָם הוּא גְּדוֹלָה מִתַּעֲנִית״, ווען א מענטש ווערט פארשעמט איז דאס גרעסער ווי א תענית; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תענית כד:): עס איז אמאל געווען א שווערע הונגער און רב פפא האט גוזר תענית געווען עס זאל קומען רעגן, אבער עס איז נישט געקומען קיין רעגן. אינצווישן איז ער געווארן זייער פאר׳חלש׳ט און כדי זיך צו דערכאפן דאס הארץ האט ער געגעסן א קליין לעפל גריז, און ער האט ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל רעגענען אבער עס האט נאך אלץ נישט גערעגנט, האט זיך רב נחמן אנגערופן צו אים: ״כַּר אוּשְׁפַּזְתִּי, איך מיין אז אויב דער הער וועט עסן נאך א לעפל גריז, וועט אפשר דעמאלט קומען רעגן״, פארציילט די גמרא אז רב פפא האט געהאט פון דעם חלישות הדעת און עס האט אנגעהויבן גיין א רעגן; זעט מען פון דעם אז אמאל קען א מענטש בעטן און בעטן אוןווארטן אויף א ישועה און עס האלט זיך צוריק פון קומען, און ווען מען גייט אריבער א שווערע צייט און מען דערהאלט זיך; מען גייט נישט אוועק פונעם אייבערשטן, איז מען זוכה אז מען פועל׳ט גרויסע זאכן.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ו): ״וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״, אז מען ווערט פארשעמט און מען שוויגט אפ, דאס איז דער עיקר ווי אזוי מען טוט תשובה; מוהרא״ש האט דערציילט אז אמאל איז דער טשערינער רב זכר צדיק לברכה געגאנגען מיט איינעם פון אנשי שלומינו צום הייליגן רבינ׳ס ציון, אויפן וועג איז צוגעקומען א מתנגד און געווארפן אויפן טשערינער רבי א שטיק צואה. דער טשערינער רב איז געגאנגען מיט א שיינע זיידענע בעקיטשע און די בעקיטשע איז אים פארשמירט געווארן, ער האט זיך אבער נישט וואוסענדיג געמאכט פון דעם נאר ער איז ווייטער געגאנגען, אבער דער אנדערער וואס איז מיטגעגאנגען מיט אים האט זיך אויסגעדרייט צו דעם מתנגד און אנגעפאנגען שרייען: ״שגץ!״ וכו׳ און דער מתנגד האט צוריק געשריגן וכו׳. האט דער טשערינער רב אים אנגעכאפט און געזאגט:

"שווייג, דאס איז דאך אונזער זאך", און ער האט צוגעלייגט: "אויב א מענטש שווייגט אפ אויף בזיונות איז ער זוכה צו גאר שיינע זאכן אויף דער וועלט".

שטארק זיך און דערהאלט זיך.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי צוצוגיין צו א שידוך**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויקרא, כ"ו אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

ווען מען רעדט א שידוך וכו' דארף מען זיך אינטערעסירן בעיקר אויף די מידות פון יענעם; מוהרא"ש זאגט אז אין אלעס קען זיך א מענטש פארעכטן נאך די חתונה - איינער וואס איז אן עם הארץ וכו' קען אנהייבן לערנען, איינער וואס האט נישט קיין ארבעט קען טרעפן אן ארבעט, אבער איינער וואס האט נישט קיין מידות דער איז בכלל נישט קיין בר נש, נאר מען איז א חיה אין די צורה פון א מענטש.

דער הייליגער רבי אלימלך שרייבט (צעטל קטן, סימן טז): "הָאָדָם לֹא נִבְרָא רַק לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע", א מענטש איז באשאפן געווארן כדי זיך אויסצוארבעטן זיינע מידות, און ער זאגט (שם) אז דאס איז גרינגער צו טון ווען מען איז נאך יונג ביז די אכצן יאר, ווייל שפעטער איז שוין זייער שווער זיך צו בייטן. למשל איינער וואס איז א כעסן איז זייער שווער ווען ער ווערט שוין עלטער ער זאל ווערן אויס כעסן, אדער איינער וואס איז א קארגער איז זייער שווער ער זאל ווערן אויס קארגער, אזוי איז מיט אלע מידות.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין מא.): "אָסוּר לְאָדָם שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת הָאִשָּׁה עַד שֶׁיִּרְאֶנָּה, שֶׁמָּא יִרְאֶה בָּהּ דְּבַר מְגוּנֶּה וְתִתְגַּנֶּה עָלָיו, וְרַחֲמָנָא אָמַר (ויקרא יט, יח): וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", א מענטש טאר נישט מקדש זיין א פרוי פאר ער זעט איר, ווייל אפשר וועט ער איר פיינט האבן נאך די חתונה; דערפאר ווען מען ענדיגט דעם בעשאו (פגישה) דארף דער בחור און די מיידל אליינס מחליט זיין צו זיי ווילן דעם שידוך, קיינער קען נישט צווינגען צו טון די שידוך. אויב עס ציט נישט די שידוך וכו' קען קיינער נישט הייסן מען זאל ענדיגן דעם שידוך וכו', די אלע וואס מען צווינגט זיי צו ענדיגן דעם שידוך וכו' ארבעט זיך נישט אויס שפעטער.

בנוגע וואס צו רעדן ווען מען טרעפט זיךביים בעשאו (פגישה); די ערשטע מאל וואס מען טרעפט זיך שמועסט מען סתם זאכן, אזוי ווי ווען מען טרעפט א חבר'טע,
~~~~~~~~~~

מען הייבט זיך אן צו באקענען וכו׳ און אז עס איז דא א משיכה איינער צום צווייטן גייט מען ווייטער.

דער עיקר איז תפילה; בעטס דעם אייבערשטן אז אויב דאס איז אייער שידוך זאל דאס גיין גרינג און שנעל און איר זאלט זוכה זיין צו א לעבן מיט ליבשאפט און שלום, און איר זאלט זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט.

בנוגע דארט וואו איר שטייט איין וכו׳; דארפט איר וויסן אזוי, אודאי דארף מען האבן הכרת הטוב, ווייל זיי האבן אייך אריין גענומען ווען איר האט נישט געהאט וואו צו שלאפן וכו׳, אבער דאס מיינט נישט צו זאגן אז איר זענט תלוי אין זיי. עס קומט א צייט וואס מען דארף אנהייבן טראכטן פון תכלית, מען דארף חתונה האבן און אויפשטעלן ערליכע דורות, דא קענען זיי זיך נישט מישן און אייך איינטיילן וכו׳. איר זאלט טון וואס איז גוט פאר אייך; גייט ארויס מיט דעם בחור, רעדטס מיט אים וכו׳, אויב עס ציט אייך גייט ארויס נאכאמאל, און אין פאל עס ציט אייך וועלן מיר דעמאלט אויסשמועסן ווי אזוי מען וועט דאס ענדיגן און פארמאכן.

דאנקטס דעם אייבערשטן אז איר האט געטראפן א פארשטענדליכע פרוי - מרת ... תחי׳; רעדטס מיט איר און נעמטס פון איר שכל פאר אייער לעבן.

איך ווארט צו הערן נאכדעם וואס איר וועט אים טרעפן, צי איר ווילט גיין ווייטער.

...

~~~~~~~~~~~

**שטיי ווייט פון מחלוקת, ענדערש זיץ אין די זייט**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויקרא, כ״ו אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער זאלסט אכטונג געבן פון מחלוקת בכלל, און בפרט ביי אונז אין בית המדרש תלמידי היכל הקודש.

וויסן זאלסטו אז דער ס״מ וויל אונז אויסרייסן פון דער וועלט און פון יענע וועלט; ער קען נישט ליידן אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי׳ן, דערפאר זוכט ער נאר ווי ער קען מאכן א פירוד צווישן אנשי שלומינו.

מיש דיר נישט אין זאכן וואס האבן נישט מיט דיר; אז מען וועט דיר צו שיקן צום עמוד זאלסטו אודאי צו גיין און דאווענען שיין וכו׳, אבער שטופ דיר נישט וואו מען דארף דיר נישט. געדענק וואס די הייליגע חכמים האבן געזאגט פאר אלכסנדר מוקדן (תמיד לב.) ווען ער האט געפרעגט וואס זאל א מענטש טון ער זאל האבן א שיינע לעבן,
~~~~~~~~~~~

האבן זיי אים געזאגט: "יָמִית עַצְמוֹ", ער זאל זיך נישט גרויסן, און "יַסְנֵי מַלְכֵי וְשֶׁלְטָן", ער זאל שטיין ווייט פון געוועלטיגן; ווייל דער וואס שטופט זיך וכו' דער ווערט נאכדעם אוועק געשטופט.

מוהרא"ש פלעגט חזר'ן וואס דער צדיק רבי אליעזר מקאמארנא זכותו יגן עלינו פלעגט זאגן בשם זיין מאמע: "אז מען זיצט אונטער די מזוזה, ווערט מען נישט מבוזה"; דאס זעלבע זאג איך דיר: "זייך אין דער זייט און זוך נאר ווי דו קענסט צוגעבן פארן שול". דאס וואס איך האב דיר געזאגט אז דו זאלסט רעדן ביי סיפורי מעשיות און ביי שלש סעודות, ווייל איך האב פארשטאנען אז דו ביסט גבאי וכו', אבער יעצט אז דו זאגסט מיר אז עס איז דא א גבאי אין בית המדרש זאלסטו זען צו זיין א חלק פון די חבורה און נישט שטערן.

אז מיר ווען זיך האלטן צוזאמען מיט ליבשאפט וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (זוהר חדש נח, דף כג) אז משיח וועט קומען בזכות איין שול וואו מען וועט זיך האלטן בשלום; דו ווייסט דאך וואס דער הייליגער אריז"ל האט געזאגט פאר זיין גרויסער תלמיד ר' חיים ויטאל זכרונו לברכה (ספר שבחי הארי"י ז"ל) אז עס איז שוין געווען די צייט משיח זאל קומען, נאר אלעס האט זיך אפגעהאלטן ווייל עס איז געווארן א מחלוקת צווישן די ווייבער פון די תלמידים, און אויך האט דאס גורם געווען אז דער אריז"ל איז נאכדעם נפטר געווארן; דערפאר דארפן מיר אכטונג געבן זייער שטארק אז מען זאל זיך נישט קריגן, אזוי וועלן מיר ברענגען די גאולה.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל נישט ווערן אפגעקילט פון הייליגן רבי'ן, ווייל דער ס"מ טוט אלעס אויף דער וועלט אז דער מענטש זאל זיך אפקילן פון רבי'ן, אזוי ווי עס איז געווען מיט ר' ליפא דעם רבינ'ס תלמיד. ער איז געווען א גרויסער סוחר, און דער הייליגער רבי האט אים אמאל מרמז געווען וואס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון ג' מהתיקונים האחרונים): "חֲיֵיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", געלט לאכט צום מענטש אין די יונגע יארן און שפעטער הרג'עט דאס דעם מענטש; מיט דעם האט אים דער רבי געוואלט מרמז זיין אז נישט אלעס איז געלט וכו'. אבער ר' ליפא האט זיך באליידיגט פון דעם און ער איז אוועק געגאנגען פון רבי'ן און מער נישט געקומען. יארן שפעטער האט אים ר' נתן געטראפן און ער האט אים געפרעגט: "ליפא, וואו ביסטו אנטלאפן, עמנו הייתם?" האט אים ר' ליפא געזאגט: "דער רבי האט מיך פארשעמט", מיינענדיג די תורה וואס דער רבי האט דעמאלט געזאגט און אים מרמז געווען אין די תורה, האט אים ר' נתן געזאגט: "ליפא! פון אזא

רבי'ן גייט מען אוועק?! זאל דער רבי נעמען א דראנג (א דיקע האלץ) און מיך שלאגן וועל איך אויך נישט אוועק גיין"; דאס איז געווען ר' נתן. ער איז געווען צוגעבינדן צום רבי'ן מיט א מורא'דיגע שטארקייט, 'אפילו דער רבי אליין זאל מיר וועלן אוועק טרייבן, וועל איך נישט איבער לאזן אזא רבי'.

מוהרא"ש האט מיר געשריבן א בריוו יארן צוריק איך זאל מתפלל זיין יעדן טאג אז איך זאל נישט קריגן אויף מוהרא"ש; דאס טו איך יעדן טאג. איך בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אז איך זאל געדענקען ווי אזוי איך האב אויסגעזען פאר איך האב געטראפן מוהרא"ש, אזוי ווי דער רבי שרייבט אינעם בריוו פאר אנשי שלומינו, **"דערמאנט אייך איטליכער ווי איך האב אייך געפונען"**, דער רבי בעט אונז אז מיר זאלן געדענקען ווי אזוי מיר האבן אויסגעזען ווען מיר האבן געטראפן דעם רבי'ן; ווער עס פאלגט דעם רבי'ן און הייבט אן לערנען אויפן "סדר דרך הלימוד" ווערט ער ביז א קורצע צייט א גרויסער תלמיד חכם, אזוי אויך ווען מען פאלגט דעם רבי'ן און מען מאכט התבודדות יעדן טאג ווערט מען צוגעקלעבט צום אייבערשטן און מיט די צייט פארגעסט מען ווי אזוי מען האט אויסגעזען פאר דעם.

איך בעט דיר טייערער ..., שטארק דיר און ווער נישט צעבראכן אז מען האט מכבד געווען א צווייטן צו רעדן; געדענק וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות סג.): "הִלֵּל הַזָּקֵן אוֹמֵר, בִּשְׁעַת הַמַכְנִיסִין - פַּזֵּר", ווען עס איז נישט דא ווער עס זאל איבער געבן דברי תורה זאלסטו רעדן דברי תורה, "בִּשְׁעַת הַמְפַזְּרִים - כַּנֵּס", אבער אויב זענען דא תלמידי חכמים וואס זענען מרביץ תורה זאלסטו זיך נישט זוכן אריין צו שטופן וכו'.

א מענטש דארף שטענדיג געדענקען וואס איז געווען מיט אים פאר ער האט זיך דערוואוסט פון הייליגן רבי'ן, וואס דער רבי האט מיט אים געטון און וואס ער האט באקומען פון רבי'ן, דעמאלט וועט ער שוין נישט האבן קיין חלישות הדעת.

דער הייליגער רבי זאגט אויפן פסוק (דניאל א, ד): **"וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ"**, דאס הייסט אז אפילו דער צדיק אליינס קריגט אויף אים, דאך גייט ער נישט אוועק פונעם צדיק (שיחות הר"ן, סימן ק"ה).

איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער אויף א פאזעטיווער וועג; איך וויל גארנישט, איך וויל נאר עס זאל זיין שלום צווישן אונז.

איך וועל נאך רעדן מיט דיר פנים אל פנים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## א קינד דארף נישט פארענטפערן די עלטערן

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויקרא, כ״ו אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך בעט אייך זייער, שטארקט אייך מיט אלע כוחות; נאך אביסל וועט איר טרעפן א גוטן שידוך. איך ווייס זייער גוט וואס גייט אריבער אויף אייך וכו׳, איך בעט זייער אסאך פאר אייערע עלטערן וכו׳ און אז אייער טאטע זאל ארויס קריכן פון זיינע פראבלעמען וכו׳, מיר דארפן גלייבן אז מיט תפילה קען מען אלעס פועל׳ן.

איר זאלט ווייטער מכבד זיין אייערע עלטערן און איר זאלט זיין שטאלץ מיט זיי; איר דארפט זיך נישט שעמען פון אייערע חבר׳טעס מיט אייער טאטע, שעמען דארפן מיר זיך נאר פונעם אייבערשטן, מיר דארפן זען אז אונזערע מעשים זאלן זיין גוט און פיין. זייער אסאך קינדער שעמען זיך מיט זייערע עלטערן, ווייל זיי שפירן עפעס אן התחייבות צו פארענטפערן זייערע מעשים וכו׳, דאס קומט פון נישט זיין דורכגעטראכט וכו׳. איר זאלט זיין שטאלץ מיט זיי ווי אזוי זיי זענען, ובזכות כיבוד אב ואם וועט איר זוכה זיין צו האבן א שיינע לעבן.

מוהרא״ש האט דערציילט א מורא׳דיגע מעשה אויף איינער פון די גדולים בזמנינו (צוליב כבוד המשפחה פארצייל איך די מעשה אן דעם נאמען); ווען דער גדול איז געווען א קינד האט ער געליטן שרעקליכע בזיונות פון זיין טאטע. זיין טאטע איז געווען א באקאנטער שיכור אין ירושלים, ער פלעגט זיך אנטרינקען און ליגן אויפן גאס וכו׳. יעדעס מאל ווען ער האט געזען זיין טאטע ליגן אויפן גאס אנגעטרינקענערהייט וכו׳ אנגעבראכן וכו׳ פלעגט ער אהיים נעמען זיין טאטע און אים געלייגט אין בעט מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ. ער האט נישט געקוקט אויף די אלע וואס פלעגן לאכן וכו׳, ער האט געוואוסט ביי זיך ׳דאס איז מיין טאטע און איך דארף אים מכבד זיין׳; מער פון דעם האט אים נישט אינטערעסירט. ביז ער איז אויסגעוואקסן א גרויסער גדול, דער אייבערשטער זאל אים געבן אריכת ימים ושנים.

זעט מען פון דעם אז ווען א קינד האט שכל און ווייסט ביי זיך: ״דאס זענען מיינע עלטערן; איך שעם זיך נישט מיט זיי, עס אינטערסירט מיר נישט וואס זיי טון און איך וועל זיי אייביג זיין געטריי״, דאן איז מען זוכה צו א שיינע לעבן.

זאגטס אביסל תהילים יעדן טאג; בעטס פאר אייך און פאר אלע אידן, מיר זאלן שוין זוכה זיין ארויס צו גיין יעדער איינער פון זיין פריוואטע גלות און מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן דורך משיח צדקינו במהרה בימינו.

...

~~~~~~~~~~~

**לערנען די הלכות פון פסח; דאס וויכטיגקייט פון העלפן אין שטוב; זען אז די ווייב זאל קענען קומען צום פרויען צוזאמקום.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויקרא, כ"ז אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס איז זייער וויכטיג צו לערנען די הלכות פונעם יום טוב פאר דעם יום טוב פסח, אזוי ווייסט מען וואס מען האט צו טון.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן כט): "שֵׂכֶל בַּר יִשְׂרָאֵל מֻכְרָח לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם אֵיזֶה הֲלָכָה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", יעדער איד איז מחויב צו לערנען יעדן טאג שולחן ערוך; נאך זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סי' ח): "עַל יְדֵי לִימּוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְבָרְרִים אֶת הַטּוֹב מֵהָרַע וְנִזְדַּכֵּךְ הָאָדָם", אז מען לערנט שולחן ערוך גייט ארויס די שלעכטס פונעם מענטש. אויך זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סי' סב): "עַל יְדֵי לִימּוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ זוֹכִים לָאֱמוּנָה מְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ", דורך לערנען שולחן ערוך איז מען זוכה צו האבן אמונה; איז יעצט פאר דעם יום טוב פסח זייער וויכטיג צו לערנען די הלכות אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה לב.): "שׁוֹאֲלִין וְדוֹרְשִׁין בְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח קוֹדֶם הַפֶּסַח, שְׁלוֹשִׁים יוֹם", מען זאל אנהייבן צו לערנען הלכות פסח פון דרייסיג טעג פאר דעם יום טוב פסח.

זע צו פאלגן דעם רבי'ן און מאך דיר א שיעור יעדן טאג צו לערנען הלכה. מוהרא"ש זאגט מען זאל האלטן אין טלית בייטל א קליינעם שולחן ערוך און יעדן טאג זאל מען לערנען מיט די רבינו תם'ס תפילין לכל הפחות איין הלכה. סתם אזוי איז גוט אז מען לערנט כסדרן, אבער אז מען האלט בעפאר א יום טוב מאכט מען זיך א סימן וואו מען האלט און מען גייט צו די הלכות פון יענעם יום טוב, און נאך יום גייט מען צוריק צו די סדר וואו מען האלט.

זע צו העלפן אין שטוב מיטן אנגרייטן דעם יום טוב פסח; דער הייליגער בעל קדושת לוי דער בארדיטשובער רב זכותו יגן עלינו זאגט: "ווען די פרויען מאכן פסח'דיג, פון זייער קראצן רייבן און כשר'ן ווערן באשאפן מלאכים, די זעלבע מלאכים
~~~~~~~~~~~

וואס ווערן באשאפן ראש השנה ווען מען בלאזט שופר, אזוי ווי מען זעט אז קשר"ק איז די ראשי תיבות תק׳יעה ש׳ברים תר׳ועה תק׳יעה, אויך איז דאס ראשי תיבות ק׳ראצן ש׳ארן ר׳ייבן כ׳שר׳ן"; דערפאר זאלסטו זען צו העלפן אין שטוב מיט וואס דו קענסט נאר און זיכער נישט ווערן בכעס חס ושלום און מאכן אנגעצויגן אין שטוב, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן סח) אז דורך כעס שטופט מען אוועק פון זיך די פרנסה.

גערענק וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט: "דער אייבערשטער איז אין שטוב, און עבודת השם איז ווען מען העלפט אין שטוב מיט וואס מען קען נאר".

איך קען נישט מאריך זיין איך דארף אריין גיין געבן א שיעור פאר די בחורים.

זע אז דיין ווייב זאל קענען קומען היינט צו די פרויען צוזאמקום.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**דערהאלט זיך**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויקרא, כ"ז אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

טייערער ברודער, דראפע דיר און דערהאלט זיך. ר׳ יצחק דער זון פון ר׳ נתן שרייבט אין א בריוו פאר זיין טאטע, דער הייליגער ר׳ נתן זכרונו לברכה אז מ׳מוטשעט אים זייער, דאס הייסט ער האט געפערליכע נסיונות, שרייבט אים ר׳ נתן צוריק אין א בריוו (עלים לתרופה, מכתב יד): "דאס וואס דו שרייבסט מיר אז מע מוטשעט דיך וכו׳. וויסן זאלסטו מֶע מוּטְשֶׁעט אִיטְלִיכֶען, מִיךְ הָאט מֶען שׁוֹין זֶעהֶר פִּיעל גֶּימוּטשֶׁעט"; מיר מיטשעט מען אויך אסאך, יעדן איינעם מיטשעט מען און יעדער האט גרויסע נסיונות, נאר מען דארף זיך דערהאלטן מיט אלע כוחות.

איך בעט דיר ברודער שטארק זיך; גערענק וואס איך זאג דיר אלץ אז דו ביסט א מלומד בניסים. קוק צוריק וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר ביז יעצט; האב נישט מורא, דער אייבערשטער וועט דיר ווייטער העלפן.

(חסר).

...

~~~~~~~~~~~

**זיך דערווייטערן פון עצבות און מרה שחורה; זיין שטארק צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג; דאס גרויסקייט פון הפצה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ויקרא, כ"ח אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): אלע קרענק קומען פון מרה שחורה; נאך זאגט דער רבי (שם): אויך די דאקטורים זענען דאס מודה, זיי זאגן אז אלע מחלות וחלאים רעים קומען פון נישט זיין פריילך. ווען א מענטש איז פריילך ווערט ער געזונט בגשמיות וברוחניות. שמחה היילט אויס א מענטש און שמחה נעמט ארויס דעם מענטש פון זיינע צרות, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ".

דערפאר דארפן מיר פרובירן מיט אלע כוחות צו זיין פריילך, בפרט יעצט אין די ערב פסח טעג ווען מען רוימט שוין ארויס דעם חמץ; אין אלע שטובער איז מען עוסק ארויס צו ווארפן דעם חמץ און אריין ברענגען דעם הייליגן יום טוב פסח, דארף מען זייער אכטונג געבן אז די עצבות און מרה שחורה זאל נישט אנקומען צום מענטש.

וואס זאל איך דיר זאגן מיין ליבער ברודער, מיר דארפן זיך זייער פרייען אז מיר ווייסן פון רבי'ן. דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה, וואס ווער עס נעמט אן די מתנה הייבט אן לעבן א חיים טובים, דאס איז דער מתנה פון התבודדות; ווען א מענטש געוואוינט זיך צו זיך אויסצושמועסן זיין הארץ מיטן אייבערשטן, ער שמועסט מיטן אייבערשטן אויף זיין שפראך און ער זאגט פארן אייבערשטן אלעס וואס באדערט אים, ער בעט זיך: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך וויל זיין ערליך, איך וויל האבן ריינע אויגן, איך וויל זיך נישט אויפרעגן, איך וויל זיין שטענדיג פריילך"**; דאס מאכט פריילך, ווייל ווען דער מענטש נעמט אריין אין זיך די ריינע אמונה איז אלעס גרינגער.

איך האף אז דו שטארקסט זיך און דו לערנסט יעדן טאג דעם דף גמרא; דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס גמרא טוט פארן מענטש, עס געבט לעבן פארן מענטש. א מענטש וואס לערנט יעדן טאג אביסל חומש, אפאר פרקים משניות און א דף גמרא - דער איז אן עושר, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכ.): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", ווער איז אן ארעמאן? איינער וואס לערנט נישט קיין מקרא, ער לערנט נישט קיין משניות און נישט קיין גמרא.

גיי אביסל הפצה יעדן טאג; קוק נישט אויף גארנישט און מאך זיך נישט צו טון פון די פאר מענטשן וואס פארשעמען וכו', ווייל אז מען קען צוריק ברענגען אפילו נאר

איין איד צום אייבערשטן איז אלעס כדאי. די בזיונות וואס מענטשן זענען מבזה - דאס איז פאר אונז נאר טובות, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ו): "עִיקַּר הַתְּשׁוּבָה יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתּוֹק", דער עיקר תשובה איז אז מען ענטפערט נישט ווען מען גייט אריבער א בזיון.

ווען א מענטש גייט הפצה ווייזט ער אז ער האט ליב דעם אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "וואס איז דער סימן אז מען האט ליב דעם טאטן [דעם אייבערשטן]? אז מען האט ליב די קינדער [אידישע קינדער]"; אז מען גייט הפצה ווייזט מען אז מען האט ליב א צווייטן איד, מען וויל אז נאך א איד זאל לעבן א חיים טובים און אז מען האט ליב א צווייטן איד ווייזט מען מיט דעם אז מען האט ליב דעם אייבערשטן, און אז מען האט ליב דעם אייבערשטן איז דאך גוט, דעמאלט דארף מען שוין גארנישט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים עג, כח): "וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹהִים לִי טוֹב", מיר איז גוט אז איך בין באהאפטן צום הייליגן באשעפער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**וואס מיר קענען ארויסנעמען פונעם רבינ'ס יום הולדת; דאס גרויסקייט פון תיקון הכללי; די שיינע זאכן וואס מען איז זוכה דורך עסן מצה; דורך אמונה גייט מען ארויס פון גלות; ארײנבאקן אין זיך און אין די קינדער שמחת היהדות און שמחת המצוות.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויקרא - החודש, כ"ט אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר גייען אריין אין שבת פרשת החודש, אויך געפאלט דעם שבת ראש חודש ניסן. ראש חודש ניסן איז זייער א גרויסער טאג, אין דעם טאג איז דעם רבינ'ס געבורטסטאג.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש סדר עולם, פרק ז): "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן נָטַל עֶשֶׂר עֲטָרוֹת"; זאגט מוהרא"ש אז דאס גייט ארויף אויפן 'תיקון הכללי'. אז אום ראש חודש ניסן איז געבוירן געווארן דער הייליגער רבי וואס האט אונז געגעבן דעם 'תיקון הכללי'; דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן קמא): "אסאך צדיקים האבן געוואלט משיג זיין דעם תיקון, אבער זיי האבן דאס נישט געקענט משיג זיין; א טייל האבן יא אנגעהויבן דאס משיג צו זיין, אבער זיי זענען אוועק פון דער וועלט אינמיטן, אבער איך - האט דער רבי אויסגעפירט - האב זוכה געווען משיג צו זיין און מגלה זיין דעם תיקון הכללי".
~~~~~~~~~~

מוהרא"ש האט איינגעפירט אז מען זאל זאגן דעם "תיקון הכללי" יעדן צופרי גלייך נאכן דאווענען צוזאמען מיט א מנין, וואס דאס האט אלע סגולות און אלע ישועות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כט) אז דער "תיקון הכללי" איז מסוגל פאר פרנסה און פאר אלע ישועות. נאכן דאווענען לויפט מען זוכן פרנסה און דא האבן מיר א סגולה פון רבי'ן פאר פרנסה, פארוואס זאלן מיר נישט נעמען דעם סגולה פון הייליגן רבי'ן, דאס ברענגט דאך אלע ישועות, אלע רפואות, אזוי אויך פרנסה און עס מעקט אפ די עבירות וואס מען האט פוגם געווען. וואס וואלטן מיר ווען געטון אן דעם רבי'ן? מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן און פון זיינע עצות.

דער רבי איז געבוירן געווארן ראש חודש ניסן; מוהרא"ש זאגט אז די גאנצע זאך פון רבי'ן איז התחדשות - זיך באנייען. דער רבי לערנט אונז אויס ווי אזוי א מענטש קען כסדר אנהייבן פון פריש, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "ביי דער וועלט איז שכחה א חסרון, אבער איך זאג אז שכחה איז א מורא'דיגע מעלה. ווייל ווען א מענטש וואלט געדענקט יעדע זאך וואס ער האט געטון וואלט ער נישט געקענט לערנען און דאווענען און טון מצות, עס וואלט אים געשטערט אלעס וואס ער האט געטון"; דאס זעהן מיר ראש חודש. דער לבנה באנייט זיך, זי הייבט אן נאכאמאל גרויס ווערן, זי ווערט פריש געבוירן. אזוי דארפן מיר לעבן, כסדר זיך באנייען, נישט קוקן וואס עס איז געווען און נישט צוריק טראכטן וואס מען האט געטון.

מיר דארפן זיך זייער פרייען אז נאך אביסל גייען מיר זוכה זיין צו עסן די הייליגע מצה; מצה ווערט אנגערופן (זוהר שמות, קפג:): "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא", אן עסן פון אמונה; דורך מצה ווערט געשטארקט די אמונה ביי אידישע קינדער און דורך דעם וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון אונזער גלות, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ז): "עִיקַּר הַגָּלוּת זֶה רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה", וואס איז גלות? אז מען לעבט נישט מיט אמונה; ווייל ווען א מענטש לעבט מיט אמונה, ער ווייסט ביי זיך אז אלעס איז דער אייבערשטער און עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אנעם אייבערשטן; דער אייבערשטער איז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם און דער אייבערשטער האט זיך פארשטעלט אין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. ווען א מענטש ווייסט אז דער אייבערשטער געפינט זיך מיט אים, ביי אים און נעבן אים, ווערט ער אויסגעלייזט פון אלע זיינע צרות.

מיר דארפן גוט אריין באקן אין אונז און אין אונזערע קינדער אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, און זיך פרייען מיט די מצוות וואס דער אייבערשטער האט אונז

געגעבן, דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין א גאנץ יאר צו זיין אפגעהיטן פון עבירות, אזוי ווי דער אר"י הקדוש זאגט (מובא בבאר היטב אורח חיים סימן תמז, סעיף קטן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ בְּפֶּסַח, מֻבְטָח לוֹ שֶׁלֹּא יֶחְטָא כָּל הַשָּׁנָה", ווער עס איז אפגעהיטן פון א משהו חמץ אום פסח, וועט א גאנץ יאר זיין אפגעהיטן פון עבירות; אז מען פריידט זיך מיט די מצה, מען פריידט זיך "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", מען געדענקט א גאנץ יאר אז מיר האבן זוכה געווען צו עסן די הייליגע מצה און מיר האבן נישט געגעסן קיין משהו חמץ - די שמחה היט אפ דעם מענטש פון זינדיגן.

דער של"ה הקדוש זאגט (מסכת פסחים; מובא בבאר היטב אורח חיים סימן תעז, סעיף קטן א): "איך האב געזען ערליכע אידן פלעגן זיך אזוי פרייען מיט די מצות, זיי פלעגן קישן די מצות מיט א גרויסע שמחה"; ווארויל איז דעם מענטש וואס ברענגט אריין אין זיינע קינדער זיך צו פרייען מיט די הייליגע מצוות.

זאלסט האבן א פרייליכן שבת און א גוטן חודש.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## איך בין נישט צופרידן פון מיין חתן, איך וויל אפלאזן דעם שידוך

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס איר טוט, די שיעורים וואס איך הער פון אייך אויף די האטליין האט ממש געטוישט מיין לעבן צום גוטן אין יעדן הינזיכט.

איך האב געוואלט פרעגן עטליכע זאכן. איינס איבער דעם וואס איר זאגט אז המפיל איז א ברכה פאר'ן שלאפן, איך האב אנגעהויבן זאגן המפיל, אבער איך וויל וויסן אויב מ'מעג רעדן צום אייבערשטן נאך המפיל. אויך וויל איך פארשטיין דאס וואס איר זאגט אז מ'קען רעדן צום אייבערשטן ביים באדן די קינדער, ווי אזוי מעג מען רעדן צום אייבערשטן אין א בית הכסא.

און יעצט צום עיקר זאך וואס איך וויל זיך אויסרעדן מיין הארץ. איך בין א כלה, מיין חתונה דארף זיין אין עטליכע חדשים, און איך דארף אסאך התחזקות נישט אפצולאזן דעם שידוך. איך האב נישט קיין אנונג פארוואס איך האב מסכים געווען צו דעם שידוך, איך האב עס נאר געטון צו פרייליך מאכן מיינע עלטערן, און פון מיין זייט וואלט איך היינט דאס אפגעלאזט, ווען נישט איך ווייס אז מיין טאטע וועל כאפן א הארץ אטאקע ווען ער וועט דאס הערן.

מיין חתן איז זייער פרום, און איך בין בכלל נישט אזוי. איך האב זיך שוין גע'חלומ'ט אז איך וועל באקומען א בחור לויט מיין געשמאק, און איך האב שוין געהאט א גאנצע פלאן ווי אזוי איך וועל אויסשטעלן מיין לעבן, איך האב געוואלט האבן אן ערליכע אבער פשוטע שטוב. דערווייל האב איך אבער באקומען א חתן וואס איז מיר בכלל נישט צום הארצן, איך עקל זיך פשוט פון אים.

יעצט פורים האב איך געדארפט שיקן א טייערע משלוח מנות און טייערע מתנות פאר די מחותנים, מיין גאנצע פורים איז געווען צעשטערט. איך ווייס נישט וואס נאך צו זאגן, אפשר וועט איר מיר קענען מחזק זיין און ארויסהעלפן אין מיין מצב.

א גרויסן יישר כח נאכאמאל, נאר דער אייבערשטער קען אייך באצאלן אויף אלעס וואס איך האב באקומען פון אייך.

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ״ב אדר, שנת תשע״ח לפ״ק**

**לכבוד ... תחי׳**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

בנוגע צי מען מעג רעדן צום אייבערשטן נאך המפיל; מען קען רעדן צום אייבערשטן נאך ברכת המפיל און עס איז זייער גוט איינצושלאפן רעדנדיג צום אייבערשטן. אזוי האט ר׳ אברהם בן ר׳ נחמן געזאגט: ״אויב א מענטש שלאפט איין אינמיטן רעדן צום אייבערשטן איז דער גאנצער שלאף א הייליגע שלאף, און מען שטייט אויף ערליך, ווייל אזוי ווי מען לייגט זיך אזוי שטייט מען אויף״.

בנוגע רעדן צום אייבערשטן בשעת מען באדט אפ די קינדער; מוהרא״ש האט דערציילט איינמאל ביי א שיעור וואס ער האט געהערט פון אלטע ברסלב׳ע אידן פון אומאן, אז אין אומאן האט געוואוינט א ברסלב׳ער חסיד, א פשוט׳ער איד, וועלכער איז געווען א שוסטער. ווען מען פלעגט אריין קומען צו אים אין געשעפט האט מען שטענדיג געזען א מורא׳דיגע בילד פאר זיך, ער פלעגט שטיין און האקן מיט׳ן האמער אויף די שיך און רעדן צום אייבערשטן; ער איז געווען אזוי ארייגעטון אין זיין ארבעט און אין רעדן צום אייבערשטן, אז ער פלעגט נישט באמערקן ווי איינער איז אריין געקומען אין געשעפט און ווארט אויף אים בשעת ער האלט מיט ווי אזוי ער רעדט צום אייבערשטן.

ווען ער פלעגט באמערקן ווי איינער איז דארט, פלעגט ער זיך אנרופן און פרעגן: ״איך האב א שאלה: איך ארבעט מיט שיך און די הלכה איז דאך אז ווען מען כאפט אן די שיך ווערט מען טמא, אבער איך וויל רעדן צום אייבערשטן, וויל איך וויסן צי איך מעג רעדן צום אייבערשטן בשעת׳ן ארבעטן מיט די שיך?״ מוהרא״ש האט פארציילט אז ער האט געהערט פון עטליכע מענטשן אז זיי האבן געהאט מיט אים די זעלבע מעשה און זיי האבן אים נישט געוואוסט וואס אים צו ענטפערן. ווען זיי אליין זענען געווען חשוב׳ע אידן און דא זעהן זיי א פשוט׳ער איד וואס האט אזעלכע השגות.

בשעת מוהרא״ש האט דערציילט די מעשה, האט א אינגערמאן אריין געפרעגט אינמיטן שיעור: ״למעשה מעג מען רעדן צום אייבערשטן אויף א פלאץ וואס מען טאר נישט לערנען, אדער ווען מען איז נישט געוואשן די הענט?״ האט מוהרא״ש געזאגט אז עס איז ׳הלכה ואין מורין כן׳; דאס הייסט, עס איז דא הלכות וואס מען קען נישט זאגן אז מען זאל אזוי טון, אבער מען ווייסט שוין אליינס וואס מען האט צו טון.

יעצט צום עיקר שאלה וועגן אייער שידוך, וואס איר טראגט ביי אייך א סוד וואס קיינער חלומ׳ט נישט - איר ווילט נישט דעם חתן וכו׳ און איר האט פשוט מורא פון אייערע עלטערן וכו׳; ליידער זענען דא זייער אסאך שידוכים וואס מען צווינגט וכו׳, איך וואלט אייך געראטן אז איר זאלט דאס דורך רעדן מיט א טיטשער אדער אייער מנהלת. טראכטס גוט אריין, במשך אייערע יארן אין סקול האט איר זיכער געהאט

כאטש איין ווארעמע ערליכע טיטשער וועמען מען קען געטרויען, פארבינדט אייך מיט איר און פארציילט איר אז איר ווילט נישט גיין אונטער די חופה וכו'. אפשר איז עס נאר א דמיון וכו'; לויט וואס איר שרייבט אז ער איז א פרומער וכו' ווייס איך נישט וואס שטערט אייך וועגן אייער חתן, פרום איז נישט קיין חסרון, פרומע מענטשן האבן זייער א שיינע לעבן, נישט אלעס איז דאס אויסזען פון א מענטש.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תיקוני זוהר, תיקון כא, דף ס:): א שוטה קוקט אויף די לבוש מיט וואס דער מענטש איז אנגעטון, אבער א חכם קוקט וואס טוט זיך אונטער דעם לבוש; ווען עס קומט צו טון א שידוך דארף מען קוקן צי דער בחור האט גוטע מידות, צי ער איז א וותרן אדער א כעסן. ווער זאגט אייך אז דער חתן וויל לעבן אן אנדערע סארט לעבן ווי אייך, אפשר וויל ער פונקט דאס זעלבע ווי אייך... דעריבער ראט איך אייך אז איר זאלט זיך פארבינדן מיט אן ערליכע פרוי וואס מען קען איר געטרויען און שמועסט דאס אויס מיט איר וכו', ווייל עס איז נישט גוט אז איר טראגט זיך ארום מיט א סוד וואס קיינער ווייסט נישט, חוץ מזה איז דאס נישט אויסגעהאלטן על פי הלכה, ווייל אויב מען וויל נישט חתונה האבן דארף מען דאס ענדערש אפלאזן וכו'.

מיר האבן אן עצה פון רבי'ן וואס רופט זיך 'התבודדות'; בעטס דעם אייבערשטן ער זאל אייך העלפן איר זאלט וויסן צי דער שידוך איז פאר אייך אדער נישט. בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט נישט האבן קיין ספיקות און בלבולים וכו'; תפילה ברעכט דורך אלע פארמאכטע טירן און תפילה מאכט ליכטיג פארן מענטש.

איך ווארט צו הערן פון אייך אז איר זענט רואיג און צופרידן און איר גייט צו צו די חתונה מיט א פרייליך הארץ.

...

~~~~~~~~~~

### קענען פרויען אויך זאגן תיקון חצות?

#### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן אויב פרויען זאגן אויך תיקון חצות, און אויב זיי קענען אויך באקומען די גרויסע ישועות דורך דעם, אזוי ווי די מענער.

יישר כח פאר אלעס.

יודל

#### תשובה:
~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ״ב אדר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד יודל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי האט זייער אויסגעלויבט די תפילות פון פרויען; מען האט אמאל געזאגט פארן רבי׳ן אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״ווען משיח וועט קומען וועט מען מבטל זיין אלע ווייבער שולן״, האט דער רבי געזאגט: ״עס איז נישט אמת, עס קען נישט זיין אז דער בעל שם טוב האט דאס געזאגט, פונקט פארקערט! משיח וועט קומען בזכות די תפילות פון אידישע פרויען וואס זיי דאווענען און בעטן אז משיח זאל קומען״; זעט מען פון דעם אז דער רבי האט זייער שטארק געהאלטן פון תפילות פון פרויען.

מוהרא״ש זכרונו לברכה זאגט פשט אין דעם מאמר חז״ל (קידושין מט:): ״עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם, תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלוֹ״, א מאס פון צען קב ׳שמועסן׳ איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, ניין קב האבן גענומען די פרויען, און איין קב איז צעטיילט געווארן פאר די גאנצע וועלט; סתם מענטשן נוצן דאס אראפ צו קלאפן פרויען און צו אפשפעטן פון זיי, ווי צו זאגן אז פרויען רעדן אסאך וכו׳, אבער מוהרא״ש פלעגט מחזק זיין די פרויען מיט דעם, ער פלעגט זאגן ביי די דרשות פאר פרויען: ״פון דעם חז״ל זעט מען אז א פרוי קען מער מתפלל זיין צום אייבערשטן ווי א מאן, ווייל זיי האבן גענומען ניין קב שיחה און חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות כו:): ״אֵין שִׂיחָה אֶלָּא תְּפִלָּה״, שיחה איז א לשון פון תפילה; מען שמועסט זיך אויס מיטן אייבערשטן. דעריבער זאל א פרוי נוצן איר מאס רייד צו רעדן צום אייבערשטן״.

א פרוי איז פטור פון דאווענען שחרית מנחה מעריב. א פרוי איז נאר מחויב צו זאגן אינדערפרי ברכות השחר און זי דארף אכטונג געבן צו בענטשן ברכת המזון אין א סידור, ליינען קריאת שמע שעל המיטה פארן גיין שלאפן און זיך מתבודד זיין צום הייליגן באשעפער, וואס אן דעם איז נישט דא קיין לעבן. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ט): אויפן פסוק (תהלים מב, ט): ״תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי״, אז די גאנצע לעבן פונעם מענטש דארף זיין תפילה; אבער א פרוי וואס האט נישט קיין ווירטשאפט אין שטוב וכו׳, אויב זי וויל דאווענען בתורת נדבה קען זי דאווענען אלע תפילות און דאס זעלבע איז מיט תיקון חצות.

דער עיקר וואס א אידישע מאמע דארף - איז זיך אפגעבן מיט די קינדער; זיצן מיט די קינדער אין שטוב, זיי דערציילן מעשיות פון צדיקים ווי זיי האבן געדינט דעם

אייבערשטן מיט מסירות נפש. קינדער וואס הערן פון די עלטערן מעשיות פון צדיקים וועלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

הער א ווארט וואס דער הייליגער ר׳ נתן האט געזאגט: ״עס איז מיר חשוב מחנך צו זיין מיינע קינדער, פונקט ווי אויפשטיין זאגן ׳תיקון חצות׳״; אז מען וויל אויפשטיין ביי חצות צו זאגן תיקון חצות דארף מען זיך לייגן שלאפן פרי, און ר׳ נתן האט נישט געוואלט גיין שלאפן פאר זיינע קינדער קומען אהיים פון חדר, ווייל ער האט זיי געוואלט מחנך זיין; ער האט געוואלט ליינען קריאת שמע מיט זיי, זיי מחנך זיין צו מאכן ברכות, זיי מחנך זיין אנצוגרייטן נעגל וואסער וכדומה, וואס אזא חינוך בלייבט אויף אייביג. א קינד וואס זיינע עלטערן האבן אים שיינערהייט דערמאנט נאכט נאך נאכט צו ליינען קריאת שמע, אים איז גרינגער דאס צו טון זיין גאנץ לעבן. דאס דארפן מיר שטענדיג האלטן פאר אונזערע אויגן: ׳שטענדיג רעדן צו די קינדער פון דאס גרויסקייט פון צדיקים און צדקניות׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**איז דער יום טוב פורים נאר פאר עשירים און נישט פאר ארימעלייט?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א יישר כח פאר די טייערע שיעורים.

איך וויל עפעס פרעגן, כאטש איך שעם זיך אביסל, איך פיל עפעס אז דער יום טוב פורים איז נישט פאר מיר, ס'איז מער א יום טוב נאר פאר די עשירים, זיי מאכן גרויסע חגיגות, טיילן אסאך געלט, דער יום טוב איז עפעס נאר פאר זיי און נישט פאר פשוטע אידן. וואס האלט איר וועגן דעם?

מרדכי

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ״ב אדר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד מרדכי נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~

וואס ביסטו מקנא א צווייטן? עס נישט דא וועמען מקנא צו זיין - בפרט א גביר; וואס ווייסטו וואס אן עושר מאכט מיט? מענטשן מיינען אז דער וואס האט עשירות דער איז גליקליך. אבער דער אמת איז אז די עשירים אויף זיי איז די גרעסטע רחמנות ווייל זיי האבן נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט און זיי לעבן שטענדיג אין פחדים וכו', זיי האבן נישט קיין חברים, ווייל אלע וואס שמייכלען צו זיי דארפן נאר זייער געלט, קומט אויס זיי האבן נישט קיין אמת'ע חברים וכו' וכו' און זיי שפירן דאס זייער גוט.

גלייב מיר עס איז א גרויס רחמנות אויף עשירים; שלמה המלך זאגט (קהלת ה, יא): "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד, אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל", אן ארימאן ער שלאפט גוט, ער האט נישט קיין דאגות וכו', "וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן", אבער דער עושר קען נישט שלאפן ביינאכט פון זיינע דאגות.

עס איז זייער נאריש מקנא צו זיין א צווייטן; דער הייליגער ר' נתן זכרונו לברכה האט געזאגט פאר זיין תלמיד ר' נחמן טולטשינער: "עס איז נישט דא וועמען צו מקנא זיין; אויב מקנא זיין, דארף מען מקנא זיין אן ערליכער איד, און אויב ביסטו דער ערליכער איד - זאגט ער פאר זיין תלמיד ר' נחמן - בין איך דיר מקנא".

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר - הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", ווער איז אן עושר - א צופרידענער מענטש? דער וואס דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף וואס ער האט און ער קוקט נישט אויף א צווייטן.

פורים איז א יום טוב פאר יעדן איד, בפרט פאר מענטשן וואס ווארטן אויף א ישועה; מען זעט וואס דער אייבערשטער קען טון, ממש וואס דער רבי זאגט (עיין עלים לתרופה, מכתב יא): "וְיֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", עס קען אויסזען פארן מענטש אז אלעס איז פארמאכט, אלעס איז דערנאך, און פלוצלינג ווערט א ישועה וואס מען האט זיך גארנישט געקענט פארשטעלן פארדעם; פורים ווייזט אונז אז עס איז נישט דא קיין יאוש.

מיר האבן א רבי וואס האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט 'התבודדות', אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען זיך אויס צו רעדן זיין הארץ צום אייבערשטן. ווען א מענטש פאלגט דעם רבי'ן, ער זוכט זיך אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און ער שמועסט זיך דארט אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, ער פארציילט אים אלעס וואס שטערט אים - דער מענטש לעבט אן אנדערע סארט לעבן, ער איז אן אמת'ער עושר. ער איז רייך ווייל ער לעבט מיטן אייבערשטן און דער אייבערשטער וועט אים אלעס געבן, ווייל דער אייבערשטער האט זייער ליב ווען א מענטש פארציילט אים אלעס וואס גייט

אריבער אויף אים, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת בלק, קצה.) אז דער אייבערשטער ענטפערט פאר אן ארימאן שנעלער ווי ער ענטפערט פאר דעם גרעסטן צדיק. און ווען דוד המלך האט געזען דאס חשיבות פונעם ארימאן׳ס תפילה האט ער אויסגעטון די בגדי מלכות און זיך געזעצט אויף דער ערד און געבעטן דעם אייבערשטן (תהלים פו, א): ״תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה׳ אָזְנְךָ עֲנֵנִי״, הייליגער באשעפער העלף מיר, הער אויס מיין געבעט, ״כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי״, ווייל איך בין אזוי ווי אן ארימאן; זעט מען פון דעם אז דער אייבערשטער איז זייער נאנט צו א מענטש וואס איז ביי זיך צעבראכן וכו׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## איך וויל אויפהערן זיך צו שרייבן מיט בחורים

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר די חיזוק וואס איך הער פון אייך. איך בין א מיידל און איך האב געהאט א פעיסבוק אקאונט פאר עטליכע חדשים, און ליידער האב איך זיך דארט געשריבן מיט בחורים. איינער האט מיר שטארק מעורר געווען אז איך זאל פארמאכן די אקאונט, און ב"ה אז איך האב עס שוין פארמאכט.

דער פראבלעם איז אבער אז איינער פון די בחורים האט באקומען מיין נומער, און מיר שרייבן זיך נאכאלץ אויף וואטסעפפ. איך האב אים שוין פרובירט צו פארשיקן און ס'איז נישט געגאנגען, און בכלל איז מיר זייער שווער אפצוהאקן מיט אים ווייל ער וועט ווערן זייער צעבראכן דערפון.

איך האלט אז איך בין אן ערליכע מיידל, און איך וויל האבן אן ערליכן מאן, איך ווייס אבער אז דאס גייט נישט צוזאמען מיט וואס איך טו יעצט. אפשר קענט איר מיר געבן אן עצה וואס צו טון?

א גרויסן יישר כח.

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ״ב אדר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר האט תשובה געטון און אפגעהאקט אלע קשרים מיט פרעמדע בחורים; אין הימל איז זייער חשוב איינער וואס טוט תשובה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו:): ״הֵיכִי דָּמִי בַּעַל תְּשׁוּבָה״, וואס הייסט תשובה? ״אָמַר רַב יְהוּדָה,
~~~~~~~~~~~

כְּגוֹן שֶׁבָּאָת לְיָדוֹ דְּבַר עֲבֵירָה פַּעַם רִאשׁוֹנָה וּשְׁנִיָּה, וְנִיצַל הֵימֶנָּה״, אז עס קומט אים נאכאמאל אונטער צו טון די עבירה און ער טוט עס נישט, דער איז א בעל תשובה.

לאזט אפ אלע וואס שרייבן אייך וכו׳; איר דארפט אליינס פארשטיין אז אויב איר שרייבט זיך מיט פרעמדע בחורים וכו׳, וועט איר באקומען א בחור וואס שרייבט זיך מיט פרעמדע מיידלעך - וואס דאס ווילט איר אודאי נישט. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ב.): ״אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו״, דער אייבערשטער מאכט שידוכים לויט ווי אזוי דער מענטש איז, ווייל (מכות י:): ״בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ״, אויף דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, אויף דעם וועג פירט מען אים.

אז איר ווילט טאקע אויפשטעלן אן ערליכער שטוב אזוי ווי איר שרייבט, דארפט איר תשובה טון און אויפהערן מכשיל זיין בחורים. עס איז זייער א גרויסע עבירה זיך צו שרייבן מיט בחורים און מען באצאלט א טייערע פרייז אויף דעם; דער אייבערשטער איז שונא זימה און אויב טוט מען נישט תשובה באקומט מען אן עונש.

אנשטאט זיך צו שרייבן אויף ׳סאשעל מידיע׳ נעמט א תהילים און זאגט אביסל תהילים יעדן טאג, וועט איר זוכה זיין צו טרעפן א גוטע שידוך בקרוב.

...

~~~~~~~~~~~

## וואס טו איך אז נאך א בחור גליטשט זיך מיר ארויס פון האנט?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די אלע חיזוק וואס איך באקום פון אייך.

איך האב שוין געשריבן פאר אייך אסאך איבער מיינע צוויי בחורים וואס מאכן מיר פראבלעמען און פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין. יעצט האב איך מיין דריטער בחור, א בר מצוה בחור, וואס סטראשעט מיר אויך צו מאכן צרות, איך גיי ממש ארויס פון די כלים און איך ווייס נישט וואס צו טון, אפשר קענט איר מיר ארויס העלפן?

אפרים

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ״ב אדר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד אפרים נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך ווייז מיט דיר און איך בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זען נחת פון אלע דיינע קינדער; אלע דיינע קינדער זאלן תשובה טון און זיך צוריקקערן צום דרך התורה.

איך בעט דיר טייערער ברודער: "דראפע זיך און דערהאלט זיך"; מיט תפילה קען מען אלעסדינג פועל'ן, מען דארף נאר האבן אסאך סבלנות און מען דארף אויסווארטן אויף די ישועה. וואויל איז דעם מענטש וואס בעט דעם אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך; ער לאזט נישט אפ דעם אייבערשטן און ער געבט נישט אויף. אפילו ווען ער זעט נאך נישט די ישועה - דאך איז ער זיך נישט מייאש.

נעם דעם ספר המידות און לערן דעם אות בנים; דער רבי האט עצות און סגולות אויף יעדע זאך, זיי מקיים וואס דארט שטייט וועסטו זוכה זיין צו זען נחת פון זיי.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, חלק ב', סימן א): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, יִקְרָא בְּכָל יוֹם מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית"; פאלג דעם רבי'ן מיט א תמימות וועסטו זוכה זיין אז אלע דיינע קינדער וועלן דיר ברענגען נאר נחת.

...

~~~~~~~~~~~

## איך עס מרור מיט מיינע קינדער

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב שוין געשריבן עטליכע מאל פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז מיינע קינדער געבן מיר עסן מרור, און כאטש וואס יעצט ווילן זיי האבן קשר מיט מיר, בין איך אבער נמאס געווארן פון זיי. ס'קען זיין אז איך אנטלויף פאר שלחן עורך, אבער איך שפיר אז איך האב מער נישט קיין כח צו זיי, איך מאך אסאך התבודדות וועגן דעם, איך פיל אבער אז ס'העלפט נישט.

איך וועל אייך געבן א משל וואס איך האב געהאט די וואך. איין טאג בין איך געווען ממש איבערגעפילט מיט צער און איך בין געגאנגען זיך אויסרעדן מיין הארץ צום אייבערשטן, איך האב געשפירט ווי איך האב ארויסגעגעבן מיין גאנצע צער, ווען איך בין אבער צוריק געקומען האב איך געטראפן מיין זון נאך ליגן אין בעט, דאס האט מיר אזוי אויפגערעגט, אז די גאנצע שעה התבודדות איז געווען לא נודע כי באו אל קרבנה.

ביטע העלפט מיר ארויס. יישר כח.

אפרים

### תשובה:
~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויקרא, כ"ד אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך הייב אן טראכטן אז עפעס גייט פאר מיט דיר... זיי מיר מוחל אויף וואס איך גיי דיר זאגן אבער איך הייב אן פארשטיין דיינע קינדער. אויב דו ביסט א מענטש וואס רעגט זיך אויף ווען דו זעסט דיין זון שלאפן וכו' דארפסטו קודם אסאך ארבעטן אויף דיר פאר דו ביסט פארנומען מיט דיינע קינדער.

נאכן ליינען דיין בריוו פארשטיי איך וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות התבודדות, סימן ב): "עַל-יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, בָּא לְכַעַס"; זיי מיר מסביר וואס עס שטערט דיר אז דיין זון שלאפט זיך אויס אביסל? דו שרייבסט אז דאס האט דיר זייער אויפגערעגט; פריי דיך אז דיין זון קומט אהיים, ער שפירט זיך גוט אין שטוב און ער לויפט נישט אוועק וכו'.

דו האסט מיר שוין געשריבן זייער אסאך בריוו אז דו דארפסט חיזוק מיט דיינע קינדער, אז צוויי קינדער זענען אנטלאפן פון שטוב און יעצט זאגט דער דריטער אז ער גייט אוועק גיין וכו'; יעצט זע איך אז דו ביסט נישט גערעכט. קודם כל וואס הייסט "דו ביסט נמאס געווארן פון זיי"? דו שרייבסט אז זיי ווילן האבן קשר מיט דיר אבער "דו ביסט נמאס געווארן פון זיי"; אז דו ביסט נמאס פון זיי פארוואס זאלן זיי וועלן זיין אין שטוב? קוק וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קינדער וואקסן אויף שוטים ווען זיי האבן א טאטע א כעסן.

ווען דו גייסט התבודדות זאלסטו קודם בעטן דעם אייבערשטן פאר דיר, אז דו זאלסט לעבן מיט ישוב הדעת, דו זאלסט זיך נישט אויפרעגן און דו זאלסט לעבן מיט אמונה אינעם אייבערשטן; אז דיין גאנצע התבודדות וועט זיין נאר אויף דיר וועסטו זיך נישט אויפרעגן נאכן גיין התבודדות, פארקערט, דו וועסט ווערן בטל צום אייבערשטן, גארנישט וועט דיר שטערן און גארנישט וועט דיר קענען אויפרעגן.

אודאי זאלסטו בעטן אז דיינע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן און זיי זאלן דיר ברענגען נחת וכו', אבער דער עיקר זאלסטו בעטן אז דו זאלסט לעבן מיט אמונה, דו זאלסט וויסן מיט א קלארקייט אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער דעם אייבערשטן.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות כעס, סימן לה): "כַּעַס בָּא עַל-יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁאֵינוֹ כָּרָאוּי", אז דו וועסט בעטן אויף אמונה וועסטו זיך נישט אויפרעגן ווען עפעס וועט גיין אנקעגן דיין ווילן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**קענט איר מיר געבן חיזוק אויף לימוד התורה, און איך וויל וויסן וועגן תכלת**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר די פילע התחזקות וואס איר געבט פאר מיר און פאר גאנץ כלל ישראל. ב"ה איך גיי אין די וועגן פונעם הייליגן רבי'ן שוין א יאר און א האלב, איך לעב מיט די עצות און איך האב שוין זוכה געווען מחזק צו זיין נאך אידן מיט די עצות.

איך בין א בחור פון 15 יאר וואס פון ווען איך האב אנגעהויבן לערנען גמרא אין חדר האב איך שוין זייער ווייניג געלערנט, און ב"ה דעם פארגאנגענעם זומער האב איך אנגעהויבן לערנען אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, און היינט בין איך ב"ה מעביר סדרה יעדן טאג, אויך לערן איך א פרק משניות און א דף גמרא, ווי אויך על פי רוב 2 פרקים נ"ך, און אביסל ספר המידות, און פארשטייט זיך אסאך התבודדות. איך וויל בעטן דעם ראש ישיבה אויב איר קענט מיר שיקן א בריוו פון הדרכה והתחזקות און א סדר היום.

דרך אגב האב איך געוואלט וויסן וועגן תכלת אויף ציצית, מיט צוויי וואכן צוריק בין איך געווען ביים ראש ישיבה אין ישיבה מיט מיין טאטע און איך האב באמערקט אז דער ראש ישיבה און טייל פון די בחורים האבן געטראגן תכלת, וויל איך וויסן צי דאס האט מוהרא"ש געטון און צי ער האט געוואלט זיינע תלמידים זאלן דאס טון, און אויך וואס איז די סיבה פון דעם.

יישר כוח אויף אלעס און א גוטע וואך.

שמעון

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויקרא, כ"ו אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד הבחור שמעון נרו יאיר**

**איך האב דערהאלטן דיין בריוו.**

**איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו נעמסט התחזקות פון הייליגן רבי'ן אויף לעובדא ולמעשה; דו לערנסט פלייסיג די הייליגע תורה.**
~~~~~~~~~~

שטארק דיך בלימוד משניות; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה, פרשה ז): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת"; קען מען זאגן אז יעדער איינער קען זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיין אייגענע גלות בזכות וואס ער לערנט משניות. מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואסערע כח משניות האט און וואס עס טוט פארן מענטש, מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען (תהלים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דאס איז ראשי תיבות 'משנ"ה'; אז א מענטש זאגט משניות נעמט עס אים ארויס פון שאול תחתית.

בפרט א בחור וואס דער יצר הרע האלט אים אין איין מכשיל זיין אין פגם הברית; וויפיל ער וויל זיין גוט און ער מאכט פעסט אפ ביי זיך אז ער גייט שוין מער נישט טון קיין נארישקייטן, מיט דעם אלעם האלט זיך דער יצר הרע אין איין מתגבר זיין אויף אים, ערווארפט אים אראפ אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאות זרע לבטלה, דארף ער לערנען אסאך משניות.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט, ער האט מקובל פון אנשי שלומינו אז דער שיחה גייט ארויף אויף ח"י פרקים משניות. אפילו איינער וואס איז נעבעך אריין געפאלן אין שמוציגע מעשים, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, וועט אים די תורה ארויס נעמען פון זיינע נישט גוטע מעשים.

זיי נישט קיין בטלן און נוץ אויס דיינע יונגע יארן; וואס מען לערנט אין די יונגע יארן דאס בלייבט אויף א גאנץ לעבן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמַה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ". קוק וואס דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן עג): "הָעַבְדוּת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יעדן טאג עבודת השם אין די יונגע יארן איז חשוב'ער פון עטליכע יארן עבודת השם אויף דער עלטער; אזוי ווי חכמינו זכרונם

לברכה זאגן (שבת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", די שענסטע זמן פונעם מענטש זענען זיינע יונגע יארן.

בענין וואס דו פרעגסט וועגן תכלת; מוהרא"ש זכרונו לברכה האט זיך געפירט צו גיין מיט תכלת ווייל ר' אברהם ב"ר נחמן זכרונו לברכה איז געגאנגען מיט תכלת. ער האט געהאט א קבלה פון זיין טאטע ר' נחמן טולטשינער - א תלמיד פון ר' נתן, וואס האט געהערט פון ר' נתן אז ווען דער רבי האט געזאגט: "פון מיר ביז משיח וועט נישט זיין קיין נייעס", האט דער רבי געגעבן א קרעכץ און זיך אנגערופן: "אה תרחם, אה תרחם"; דעמאלט האט מען נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט מיט דעם "אה תרחם", אבער שפעטער ווען דער גרויסער צדיק דער ראדזינער רבי זכותו יגן עלינו האט אנפלעקט די תכלת אין יאר תרח"ם האט זיך ר' אברהם ב"ר נחמן ז"ל געטראפן מיט אים און דערביי אנגענומען די ענין פון גיין מיט תכלת. פארשטייענדיג אז דאס האט דער רבי געמיינט מיט דעם "אה תרחם", און אלע וואס זענען געגאנגען מיט ר' אברהם ז"ל האבן אנגעהויבן גיין מיט תכלת.

א ברסלב'ער חסיד איז איינער וואס לערנט דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און ער פאלגט וואס דער רבי זאגט. ער מאכט זיך שיעורים בכל התורה כולה, ער איז זיך מתבודד יעדן טאג און א גאנצן טאג איז ער פרייליך.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט נארן בזה העולם, דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר: די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; א מענטש דארף זייער אכטונג געבן ער זאל זיך נישט אפנארן, מען קען זיין אין ברסלב און מען קען גיין מיט תכלת אבער מען לערנט נישט קיין חומש רש"י יעדן טאג, מען עפענט נישט קיין משניות, קיין גמרא וכו' וכו'. געדענק וואס דער רבי שרייבט פאר זיין איידעם: "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", זעט מען וואס דער רבי האט געוואלט - נאר תורה ותפילה ויראת שמים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**מעג א פרוי זיך שמירן דאס פנים אינדערהיים? און צי דארף מען האבן ערב פסח מצות?**
~~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר אלע שיעורים, און ספעציעל א יישר כח פאר די בריוו, איך נעם ארויס פון דעם זייער אסאך עצות אין לעבן.

איך האב אייך געוואלט פרעגן איבער דעם וואס ביי אונזער משפחה פירט מען זיך אז די פרויען שמירן זיך נישט דאס פנים, וויל איך וויסן אויב אינדערהיים מעג מען זיך פירן אנדערש און זיך יא שמירן, אויב דער מאן וויל אזוי.

אויך האב איך געוואלט פרעגן וועגן ערב פסח מצות, איך פלעג דאס קויפן יעדעס יאר, עס קאסט אבער זייער אסאך געלט און ס'איז מיר שווער דאס נאכצוקומען, אויב איך מעג אויפהערן עס צו קויפן און יוצא זיין מיט געהעריגע מצות.

יישר כח פאר אלעס.

חיים

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת ויקרא, כ״ח אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זע מחזק צו זיין דיין ווייב זי זאל זיין שטארק ביי זיך מיט איר צניעות; דער שולחן ערוך הייבט זיך אן (רמ״א; אורח חיים סימן א, סעיף א): ״וְלֹא יִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, מען זאל זיך נישט שעמען פון מענטשן וואס שפעטן אפ אויף עבודת השם; שעמען דארף מען זיך נאר פונעם אייבערשטן. א פרוי וואס פירט זיך בצניעות דארף זיין זייער שטארק ביי זיך אז זי טוט דער ווילן פונעם אייבערשטן און זי וועט באקומען באצאלט שכר ערליכע קינדער און אייניקלעך, אזוי ווי חכמינו זכרונו לברכה זאגן (במדבר רבה ח, ט): אויפן פסוק (תהילים קכח, ג): ״אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ״, דיין ווייב וועט זוכה זיין צו האבן קינדער אזוי ווי א וויינשטאק וואס איז פיל מיט טרויבן בזכות וואס זי פירט זיך בצניעות, ״בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית שֶׁהִיא צְנוּעָה, זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים״, זי וועט האבן קינדער וואס וועלן לערנען מִקְרָא, מִשְׁנָה, און טון מַעֲשִׂים טוֹבִים, ״הֲדָא הוּא דִכְתִיב: בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים״, עיין שם.

בנוגע וכו׳; א פרוי מעג זיך שיין מאכן פאר איר מאן וכו׳. און וואויל איז פאר א פרוי וואס העלפט איר מאן זאל זיין אפגעהיטן פון עבירות, בפרט היינטיגע טעג ווען

די נסיונות זענען זייער גרויס, דארף מען האבן גרויס שמירה צו זיין אפגעהיטן פון דעם יצר הרע. די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאגן (ברכות יז.): אין דעם זכות וואס די פרויען ווארטן אפ זייערע מענער און היטן זיי אפ, וועלן זיי זוכה זיין צו באקומען שכר אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

בנוגע ערב פסח מצות אז עס קאסט אסאך געלט וכו׳; דער זוהר הקדוש זאגט (שמות, קכח.): אויפן פסוק (שמות כה, ב): ״וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי - הַאי מַאן דְּבָעֵי לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּמִצְוָה, וּלְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אִצְטְרִיךְ דְּלָא יִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ בְּרֵיקָנַיָּא וּבְמַגָּנָא, אֶלָּא אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ כַּדְקָא יָאוֹת כְּפוּם חֵילֵיהּ״, ווען א מענטש טוט א מצוה דארף מען באצאלן געלט פאר די מצוה, דורך דעם איז מען זוכה צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, עיין שם; דעריבער דארפן מיר זיך פרייען אז עס קומט אזא הייליגע יום טוב פסח און מיר גייען זוכה זיין צו עסן די הייליגע מצוות און אודאי באצאלן געלט פאר די מצוה אז מיר זאלן זוכה זיין צו ווערן נאנט צום אייבערשטן.

דער הייליגער רבי האט אמאל בשעת׳ן האלטן די מצה אום פסח זיך אנגערופן: ״ווען מ׳האלט די מצה אין דער האנט, האלט מען גאט אין דער האנט״; ווייל מצה איז א שטיק געטליכקייט און דאס ברענגט אריין אמונה אינעם מענטש.

עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת בא, מא.) אז מצה ווערט אנגערופן: ״מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא״, אן עסן פון אמונה; ווייל דורך מצה ווערט געשטארקט די אמונה. ווידער אויף א צווייטע פלאץ (פרשת תצוה, קפג:) רופט עס דער זוהר אן: ״מֵיכְלָא דְּאַסְוָותָא״, אן עסן פון רפואה; אז מצה היילט אויס דעם מענטש. זאגט מוהרא״ש אז מיטן רבינ׳ס ווערטער איז עס איין זאך, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ה): ״כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה״, עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס האבן מחלות און זיי ליידן דאס נאר ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה; קומט אויס ווען מען עסט מצה און עס ווערט געשטארקט די אמונה ווערט מען אויסגעהיילט.

ווען א מענטש איז לא עלינו נישט געזונט און ער גייט זיך היילן ביי א גרויסער דאקטער, דער דאקטער זאגט אים: ״איך האב פאר דיר נאר איין רפואה, דאס וועט דיר גענצליך אויסהיילן, אבער די מעדעצין קאסט אסאך געלט״, וואלט א מענטש זיכער אוועק געגעבן אלעס אויף דער וועלט אבי ער זאל לעבן, אזוי ווי רש״י זאגט (איוב ב, ד): ״כֵּן דֶּרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגִין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן - יִתֵּן״; איז דאך זיכער אז ווען עס קומט צו קויפן די הייליגע מצה וואס

דאס היילט אונז אויס ברוחניות און עס ברענגט אונז נאנט צום אייבערשטן, דארף מען זיכער קויפן מצה ביד רחבה און נישט קארגן וכו׳.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן גרויס שפע, זאלסט קענען אויפנעמען דעם יום טוב מיט שמחה און מיר זאלן זוכה זיין צו עסן נאך היי יאר דעם קרבן פסח מיט משיח צדקינו, אמן.

...